STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03574

ROYTE FEFERLAKH

Sem Liptsin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רויטע פעפערלאַך

פון

סעם ליפצין

(אנקעל סעם)

הומאָריסטישע מעשה'לאך פון שאפ און יוניאָן.

ארויסגעגעבן פון

ל. סמיטה

Copyright 1926
by
Sam Liptzin

אינהאלט:

צוויי ברידער — — — — 5
„אלגעמיישאן" — — — 8
א קרבן פון סטרייק — 11
פאר א רעגנדיקן טאג — 13
שנאפס — — — — — — 16
אדווערטייזמענט — — — 19
שאפ לייסנס — — — 22
נאכן געזעץ — — — 25
„האריאפ" — — — — 27
אן עקסטרא סייז — — 29
וואו איז מיין טיקעט ? — 32
ביזי בא קלאוקס — — 35
ערקלערט זיך א סטרייק — 38
אנגעפייפט — — — — 40
א לענדלארדס מזל — — 43
א קראנקע שטעטל — — 46
אין א פינסטערע וועלט — 49
קארטן — — — — — 53
משנה מקום משנה מזל — 55
טייער באצאלט — — — 57
פינגער צייכנס — — — 61
אונטער די בעסטע סאני־
טארע קאנדישאנס — 64
געוואלד רומס — — — 66
געכאפט א מערדער . . 69
ליגנדיק אין דר'ערד — 71
א גוטער אפשניט — — 75
דער אלטער בחור — — 78
געבילדעטע לעזער — — 81
א געוואלדיקער חזן — — 84
סקעב ארבעט — — — — 88
וואס איז ליבע ? — — 91
פאלש, פאלש, פאלש — 95
א אינשורענס אגענט — 97
אי א טעלעפאן — — — 101
ער האט ניט געשוויגן — 105
אריינגעפארן — — — 107
אלע גלייך — — — — 110
וואס מענער זיינען — — 112
ביי א לקעטשור — — 113
ווי ער איז געווארן א לענד־
לארד — — — — — 114
צו טייער באצאלט — — 115
א גוטער איינפאל — — 116
ווייבער בלייבן ווייבער — 117
פראגרעס — — — — 118
געפונען א טרייד — — 120
פארזוכט דעם טעם — 122
ער האט ליב דעם קאמף 124
געלאכט מיט טרערן — — 125
א שפייער — — — — 126
א קריינק אזא — — — 128
דער בארימער — — — 129
אייניגקייט איז מאכט — 130
איז א פרומען זונטיק — 131
„פור מען" — — — — 133
ניטא קיין מזל — — — 135
בערעלע בעל צדקה — — 136
וויצינע פיפערנאטערלאך —

צוויי ברידער

סעם און טשארלי זיינען געווען צוויי ברידער און דערקענט האט מען דאס גלייך נאך דער נאז.

טראץ דעם, וואס סעם איז געווען עלטער מיט צוויי יאר, דאך האבן זיי זיך הינציק וואס אונטערשיידעט איינער פון צווייטן. דיזעלבע הויך, די זעלבע אויגן, די זעלבע שטריכן, מיט איין ווארט איין מאמע האט זיי געהאט.

דערפאר אבער האבן זיי זיך אונטערשיידעט אין די כאראק־טערן. צוויי באזונדערע טיפן, צוויי באזונדערע נשמות, צוויי בא־זונדערע מענטשן.

סעם — א ראדיקאלער מענטש, א קעמפער. טאג און נאכט ביי די מיטינגען, פירט שטענדיק א קאמף קעגן דער קארופטער חברה אין דער באוועגונג און איז שטאלץ מיט דעם נאמען „לינ־קער".

טשארלי — איז א הויז־מענטש. ליגט שטענדיק מיט די ווייבער אין קיך. מישט זיך אין טעפל, און האט אין זינען פיר זאכן : געלט, עסן, שלאפן און ארבעטן. וועגן דער פערטער זאך איז ער אפילו ניט צופיל באגייסטערט, אבער צוליב די ערשטע דריי ליגט אים שוין דאס ארבעטן אויך אין זינען

סעם'ס גרעסטער פארגעניגן איז, ווען ער קומט אהיים מיט א זיג פאר די לינקע פון א מיטינג. טשארלי'ס — ווען סעם קומט אהיים מיט אן אראפגעלאזענעם נאז, בלייך ווי די וואנט, נאך א דורכפאל פון די לינקע. און ער, טשארלי קען אים נעמען אויפן צימבל — נו, לינקער יאלד, דו ווילסט פארזארגן די מענטש־הייט, דו ווילסט אפשאפן געלט. גיב א קוק אויף דיין פנים. דאס העכסטע וואס איך גיב דיר, איז נאך צוויי יאר צום לעבן.

סעם שטייט פארצווייפלט, באטראכט דעם ציניקער און ענט־

פערט מיט זיין אויסגעמאַטערטער שטימע: — נו, איז אַ וואונדער וואָרום איר ווערט פאַרקויפט פון די פירער. איז אַ וואונדער וואָרום אונזערע חברים ווערן צובלוטיקט ביי די מיטינגען, געשלאָגן פון אויסוואורפן, געדונגען פאַר אונזער געלט. דו אַרבעטער, לאַכסט פון מיר, ווייל איך גיב אַוועק מיינע טעג און נעכט פאַר דיר דו זאָלסט קענען געניסן דיין עולם הזה.

טשאַרלי צעלאַכט זיך אויפן קול — זעסטו מיין ברודער, אויב דו ווילסט, וועל איך דיר דערפאַר אינשורן . . . זאָל כאָטש דיין פרוי און טאָכטער זיין באַזאָרגט וואָרום דו וועסט דאָך ניט שטאַרבן מיט דיין טויט. און איך האָב שוין איין ווייב, גענוג פאַר מיר . . .

— דאָס גלויב איך דיר — זאָגט אַרויס סעם סאַרקאַסטיש זיך האַלטנדיק ביים האַרצן — אַי, וואָלטן דיינע רעכטע חברה מיר געוואָלט דעם טויט מאַכן. אַפּרייסן אַ זייט, אַ פוס, ווי דאָס ווערט געטאָן צו צענדליקע אַנדערע פון אונזערע חברים.

— נאָר מ'שלאָגט אייך, — האַלט טשאַרלי אין איין לאַכן און רייצן זיין עלטערן ברודער — פאַר וואָס שלאָגט מען מיך ניט, ווייל איך קריך ניט, און ווייסט וואָס איך וועל דיר גאָר זאָגן — גיט דערביי טשאַרלי אַ וואונק צו סעם'ס פרוי — מיר דאַכט זיך אַז דו צעגראַבלסט דיין נאָז און פּנים עקסטראַ כדי צו באַשולדיקן מיינע רעכטע, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן.

אָט אַזוי אַמוזירט זיך טשאַרלי, דער ציניקער מיט זיין ברודער ווען ער כאַפּט אים אָן אָוונט אין הויז. דאָס שאַפט אים פאַרגעניגן. דאָס שטעלט צופרידן זיין נשמה וואָס איז אָנגעפילט מיט מאָגן . . .

איין מאָל, ווען סעם איז געקומען אַ היים פון אַ מיטינג, דער ראָק איז געווען אַרונטערגעריסן, דער פּנים צעקיילט, צעביילט, צוויי ריפּן צעבראָכן און פיר ציינער אויסגעשלאָגן און טשאַרלי האָט דאָס דערזען, איז ער געבליבן ווי פאַרגליווערט. ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער מיט כעס אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש: — נעקסטע וואָך מוז איך גיין צו אייערן אַ מיטינג. איך וועל זען

אויב ס'איז אמת, אז דו ביזט צעשלאָגן געוואָרן פון די „רעכטע"
אָדער דו האָסט זיך געשלאָגן מיט אימיצן פון גאס ?

טשארלי האָט געהאַלטן וואָרט, און נעקסטע וואָך איז ער געגאַנגען צום מיטינג. אָבער ווי ער האָט נאָר געעפנט די טיר פון מיטינג לאָקאַל, איז ער באַלד באַגריסט געוואָרן מיט דעם אויס־געשריי :

— דו לעבסט נאָך ?

— געוויס לעב איך ! — האָט זיך טשארלי צעלאַכט, פאַר־שטייענדיק זייער טעות.

אָבער באַלד האָט ער געקראָגן ווייטערע באַגריסונגען : אַרויס פון דאַנען, דו לינקער, קאָמוניסט, ווארום איצט וועלן מיר דיר שוין מער ניט שיקן אין אַ האָספּיטאַל, נאָר גלייך אויף יענער וועלט . . און איינער איז אים גלייך פאַרפאָרן אַ זעץ אין קארק אריין.

— וואָס האָט איר צו מיר ? — האָט זיך שוין טשארלי צע־שריען. — איר מאַכט אַ טעות, איר מיינט געוויס מיין ברודער, איך אַליין בין גאָר אַ רעכטער.

— אַ רעכטער ? — האָט איבערגעזאָגט דער טשערמאַן וואָס איז געשטאַנען ווי אַ בלוטדורשטיקע חיה — דערלאַנגט אים רעכ־טע קלעפּ, וועט ער שוין מער ניט בלאָפן, אַז ער איז אַ „רעכטער", ער מיינט מיר דערקענען אים שוין ניט, ווער ער איז, אַרויס פון דאַנען, דו לינקער שטערער !

טשארלי האָט גענומען כאַפּן קלעפּ פון אַלע זייטן און צום סוף האָט מען אים אַרונטערגעקייקלט פון אַלע שטיגן.

— — — — — — — — — — — —

ווען סעם האָט אויף מאָרגן באַזוכט טשארלי'ן אין האָספּיטאַל און דערזען די וואונדן אויף זיין קאָפּ, האָט ער אַ דערפרייענדער אויסגערופן : וואָס זע איך, ברודער דו ביזט געוואָרן אַ לינקער ?..

„אַלגעמיישאַן"

(אַ רעדע אַזאַ)

טשערמאַן און ברודער, ווי איר ווייסט בין איך ניט קיין רעדנער, נאָר טאַקע דערפאַר ווייל איר לאָזט מיר ניט ריידן, רעד איך, און איצט מעגט איר זיך ריידן וואָס איר ווילט.

סיי, דו, הער בעסער אויף מיר צו אונטערברעכן, ווארים איך אונטערברעך דיר באַלד אַ פּוס.

ברודער טשערמאַן, צאָל איך דיוס, אָדער ניט ? נו, אַז איך צאָל דיוס, פאַר וואָס טאָר איך ניט ריידן פאַר מיין געלט . . .

איר גלייבט ניט וואָס איך רייד ? טאָ קענט איר גיין אַ היים. איך בין אַזאַ „טעליגענטער" מאַן ווי איר . . .

מיין „שטאַנדפּונקט" וועגן „אַלגעמיישאַן" איז אַז „אַלגעמיישאַן" וועט צוברעכן די יוניאָן און איך וועל אייך באַווייזן מיט „אַגרומענטן" ווי אַזוי.

ערשטנס לאָז מיר אייך ערקלערן וואָס איז „אַלגעמיישאַן".

„אַלגעמיישאַן איז אַלגעמיישאַן ! און מיר מוזן זיין קעגן דעם. אַט האָב איך לייִנגער אַריינגעמופּט צוזאַמען מיט מיין שווער, געמאַכט „אַלגעמיישאַן". ווייסט איר וואָס דער סוף איז געווען ? זי רוט אין גן עדן, און איך האָב געמוזט מופן אין צוויי רומס.

אָדער נאָט אייך נאָך אַן „אַגרומענט". איך האָב אַמאָל געטרונקען ביר, האָט מען מיר אַריינגעגאָסן שנאַפּס אין דעם, דאָס הייסט מיר געמאַכט „אַלגעמיישאַן". נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן. איך האָב אויסגעבראָכן גרין און געל. דאָס איז געווען דער סוף פון „אַלגעמיישאַן".

סיי, שאַראַפּ, לאָז מיך ריידן . . .

דו ווילסט אויך ריידן ? טאָ רייד, ווער לאָזט דיר ניט. מיר'ן ריידן זאַלבעדריט, וועט זיין שנעלער די „דעבאַטע" . . .

ברודער טשערמאַן, איך בין קעגן „אַלגעמיישאַן", און זאָגט אייך, וואָס איר ווילט. מיר אַרט ניט, אַז מען מאַכן נאָך אַ קוואַדער דיום, וועלן מיר אָבער וויסן, אַז מיר האָבן אַ „יוני" מיט אַ סך באַאַמטע, און די „אַלגעמיישאָן" וויל מאַכן וואָס ווינציקער בעאַמטע. און איך זאָג, טשערמאַן, און איר ווייסט דאָך, אַז איך וויים, וואָס איך רייד. אַז אַ סך בעאַמטע, מיינט אַ שטאַרקע „יוני" און אָט וועל איך אייך געבן נאָך אַ ביישפּיל.

סיי, שאַראַפּ לאָז ריידן אַ וואָרט, צאָל איך דיום, צי ניט ?

הערט, ברידער, ביי אונז אין שטאָט זיינען געווען צוויי פּריצים, האָבן זיי געהאַט אַ סך בוימער מיט עפּל, מיט באַרנעס און מיט פלוימען, איין פּריץ האָט געהאַט אַ סךהינט, דער צווייטער נאָרניט, פלעג איך זיך טאַקע אריינכאַפּן אין גאָרטן און אָנרייסן פולע קעשענעס, און ביים צווייטן, וואו עס איז געווען אַ סך הינט, אַ בראָך נאָך זיי, האָט מען טאַקע ניט געקענט צוקומען. איר פאַרשטייט מיין משל. ברידער ? אַ „יוני" מוז האָבן אַ סך וואַקינג דעלעגאַטן . . . דאַן וועלן מיר ביי די באָסעס רייסן די ציינער, אָבער זיי ביי אונז עפּל ? אַ קריינק ! אַ מכה !

אַלזאָ טשערמאַן און ברידער, ווי איר ווייסט בין איך ניט קיין רעדנער, נאָר אַז מ'צורעט זיך, צורעט מען זיך. און דערפאַר וויל איך איצט זאָגן, איך בין ניט קעגן „אַלגעמיישאָן" ווען די אַרבעטער זאָלן דאָס מאַכן פאַר זיך אַליין, אָבער פאַר דער „יוני" נויסער ! מיר וועלן דאָס ניט לאָזן.

סיי, טשערמאַן, וואָס שטייסטו ווי אַ פלאָקן, פאַר וואָס האַלטסטע ניט קיין אָרדער ? האַלטן זאָל דיר קרעמפּן וואָס פאַר אַ טשערמאַן דו ביסט. אָט אַזוי אַלע מאָל, ווי איך פאַנג אָן צו ריידן צוטומלט מען מיר, און איצט וויים איך שוין ניט וואָס צו ריידן.

שאַראַפּ. טשערמאַן און ברידער, יע, איך האָב זיך שוין דערמאָנט, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן, איך בין קעגן „אַלגעמיישאָן" און איך וויל אַז מיין רעדע זאָל פאַרשריבן ווערן אין „פּראָטאָקאָל".

וואָס לאַכט איר ? לאַכן זאָלט איר שוין מיט בלוט. איר פּאַסקודניאַקעס וואָס איר זיינט, ווי נאָר איך פאַנג אָן צו ריידן, פאַרמישט מען מיר גלייך.

יע, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן ? וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן ? . . . „אָרייט“ זאָל דער ווילע ריידן „אַנאַנדערער“ און איך וועל זיך דערמאָנען.

שאַ, איך האָב זיך דערמאָנט, איך בין קענן „אַלגעמיישאָן“ ! . .

א קרבן פון סטרייק

איך בין שוין צוועלף יאָר אַקטיוו אין מיין יוניאָן, געקעמפּט מיט די גרעסטע באַלעבאַטים און קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ מפּלה ווי יענע נאַכט.

דאָס איז געווען אַ נאַכט, וואָס איך וועל זי האָבן צו געדיינקען. די נאַכט פון ערב דעם סטרייק. איך האָב קיינעם ניט גע־שאָסן, קיין וואונדער ניט באַוויזן, און דאָך איז מיר די נאַכט ערב דעם סטרייק געבליבן איינגעקריצט אין מיין מח.

הערט וואָס ס'איז געווען: ווי איר ווייסט, בין איך אַ איד וואָס האָט ליב יוניאָן. עס מיט יוניאָן, שלאָף מיט יוניאָן, פון ריידן איז דאָך אָפּגערעדט. וואו איך גיי און שטיי, מוז איך ריידן וועגן דער יוניאָן.

ווען איך האָב מיט מיינער זאָל געזונט זיין, געדאַרפט גיין חתונה האָבן, האָב איך גלייך אין דער כתובה פאַרשריבן, אַז די יוניאָן איז מיין ערשטע ווייב, און אויסקויפן מיר פון אַ מיטינג קען ניט העלפן דער בעסטער קוש.

אַזוי איז שוין היינט, דאַנקען גאָט 10 יאָר ווי איך קום יעדע נאַכט אַהיים 12 אַזייגער פון די מיטינגען.

קריגן זיך וועגן דעם האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט די מעג־לאַכקייט. ווארים אַז איך פלעג קומען אַהיים, האָבן די שכנים שוין געשלאָפן און וואָס טויג זיך קריגן, אַז די שכנים זאָלן ניט הערן? און טאָמער בין איך שוין געווען אַ זונטיק אין הויז, בין איך דאָך געווען אַ גאַסט. נו, ווי פּאַסט באַליידיקן אַ גאַסט? האָבן מיר זיך אַזוי געלעבט ווי צוויי טייבעלאַך אין צוויי באַ־זונדערע שטייגן . . .

העלפט גאָט, אַז עס זאָל ווערן סלעק אין טרייד און די באַ־לעבאַטים זאָלן אָנפאַנגען צו דערגיין דער יוניאָן די יאָרן.

וואָס מיינט איר טוט די יוניאָן ? רופט א מיטינג צו זען עפּעס טאָן קעגן די באַלעבאַטים און איך, ווי אלע מאָל, קום צום מיטינג.

רעדנער נאָך רעדנער. זיי ריידן און איך אַפּלאָדיר. נאָך דעם, ווי דער מיטינג האָט באַשלאָסן צו רופן א סטרייק, האָב איך א קוק געטאָן אַף מיין זייגער. און בין שיער ניט אין חלשות געפאַלן. דער זייגער איז שוין געוועזן נאָך צוויי באַנאַכט.

איך האָב א כאַפּ געטאָן מיין העט און ווי א ווינט זיך אַוועק־געלאָזן אַהיים.

שטיל ווי א קעצעלע האָב איך זיך אַריינגעשליכט אין הויז און גענומען אויסטאָן זיך.

א פאַרשלאָפענע שטימע האָט מיר שטיל באַגריסט :

— שוין געקומען, טייערער תכשיט ? דער זייגער איז דאָך שוין אפשר איינס ! — האָט זי א בורטשע געטאָן און זיך איבער־געקערט אַפן צווייטן זייט.

— עט, — האָב איך אונטערגעפּאַנפּעט — דער זייגער איז ניט מער ווי צוועלף.

און אַזוי ווי איך האָב דערענדיקט די ווערטער האָט זיך רעד זייגער צעקלונגען ווי אָנגעררייצט פון א באָם :

איינס ! צוויי ! דריי ! פיר ! ! ! !

דער אָרימע זייגער האָט זיך באַלד איינגעקריצט אין מיין מח׳ צעבלוטיקט מיר פון קאָפּ ביז די פיס.

אויף מאָרגן האָב איך שטאָלץ אַרומגעמאַרשירט צווישן די אַרבעטער אַלס דער ערשטער קרבן פון קאַמף.

פאַר א רעגנדיקן טאָג

אכט יאָר כסדר האָט מר. קארגמאַן געשפּאָרט א סענט צו א סענט און געמאַכט דערפון א דאָלער.

ווען א לאנדסמאַן האָט אים א פרעג געטאָן:

— מיסטער קארגמאַן, וואָס וועט זיין דער סוף? די ביי־נער אין אייערע באַקן קריכן דאָך שוין ארויס פון אויבן, און די הויט זעט שוין אויך אויס, ווי עס האַלט באַם פּלאַצן אויפן לייב. ווי לאַנג נאָך וועט איר אזוי שפּאָרן געלט?

מיסטער קארגמאַן פלעגט דעמאָלט זיך א גלעט טאָן איבער'ן פּאַקעט און באַלד ענטפערן:

— מ'איז ניין יאָר א חזיר, ווערט מען אויפן צענטן יאָר א גביר... פארשטייסט: יעדער מענטש מוז זיך באַזאָרגן אויף א „רעגנדיקן טאָג", ווען ניט, איז צרות.

אזוי גיך ווי מיסטער קארגמאַן האָט אָפּגעשפּאָרט די ערשטע דריי הונדערט דאָלער, האָט ער באַשלאָסן אריבערברייינגען אַהער זיין פאַמיליע. ערשטנס, וועט ער פארשפּאָרן אוועקגעבן שווערע געלדער צו די בענק פאַר איבערשיקן זיין געלט, און, צווייטנס, וועט ער פארשפּאָרן אויסצאָלן אַלע וואָך אזוי פיל געלט דער מיסעס, פון וואָס די גאַנצע פאַמיליע וואָלט געקענט מאַכן א לעבן

מיסטער קארגמאַן האָט טאַקע אראָפּגעבראַכט זיין פאַמיליע און האָט זיין פרוי אייך אָנגעזאָגט ווי צו לעבן און שפּאָרן געלט

— דאָ איז אַמעריקע, ניט יוראָפּ, — האָט ער צו איר גע־טענה'ט. — דאָ מוז מען שפּאָרן א סענט צו א סענט. קיינער ווייסט ניט, וואָס מאָרגן קען זיין. און דערפאַר דאַרף יעדער מענטש אָפּלייגן א סענט אויף א „רעגנדיקן טאָג".

די פרוי האָט עס אריינגענומען אין זינען. אַז זי האָט אָבער געדאַרפט אַ קלייד, פאַר די קינדער שיכלאַך, האָט זי געלאָזט וויסן מר. קאַרגמאַנ׳ען.

מר. קאַרגמאַן האָט איר אָפּגעמאָסטן מיט זיינע ביסטרע אויגן און שטיל אריינגערוימט אין איר אויער:

— ס׳איז ניט געפערלאַך. דערווייל איז נאָך וואַרים. דו וועסט דורכשטופּן די פּאָר מאָנאַטן דאָן. וועלן מיר זען. דערווייל שפּאָר אַ דאָלער. ס׳איז אַמעריקע, ס׳וועט קומען צוניץ. אַז מען שפּאָרט אָפּ, האָט מען טאָקע אויף אַ „רעגנדיקן טאָג“.

איז געקומען ווינטער, האָט מיסטער קאַרגמאַן ווידער איבער־געזאָגט די זעלבע זאַך:

— נעקסטן יאָר, אַז מיר וועלן לעבן, קויף איך דיר אַ פּאָר־קאָוט. דערווייל ליגט אַרויף אַ לאַטקע וואו מ׳דאַרף אויף דעם אַלטן קאָוט און דו וועסט דורכשטופּן דעם ווינטער. די פּאָר דאָלער וועלן ניט פאַרפאַלן גיין. ס׳וועט צוניץ קומען אויף אַ „רעגנדיקן טאָג“.

פון הויז־זאַכן איז גאָר ניט געווען צו ריידן מיט אים. ווען זי האָט אים דערמאָנט אַ טעפּל, אַ פענדל, פלעגט ער זיך צו־שרייען ווי ניט מיט זיין קול:

— דו ווילסט נאָך שטיין אין אַמעריקע אין גאַס? דו ווייסט נאָך ניט, וואָס דאָ מיינט אַ שלעכטע צייט. דו ביזט גרין איצט, אָבער אַז דו וועסט זיך „אויסגעלן“, וועסטו שוין אַנדערש ריידן. וועסט זען, אַז מ׳מוז זיך פאַרזאָרגן אויף אַ „רעגנדיקן טאָג“...

איין פרימאָרגן, ווען די קינדער האָבן געדאַרפט גיין אין סקול, איז אין הויז ניט געווען וואָס אַ ביס צו טאָן. די שיכ־לאַך זייגען געווען צעריסן און ס׳איז געווען אַ ביטערע קעלט און אין דרויסן האָט געפּליוכעט אַ פליץ רעגן.

די גרינע האָט אַ כאַפּ געטאָן איר אַלטן קאָוט אויף זיך מיט די עטלאַכע דאָלער אין קעשענע, זי איז אוועק אין סטאָר, גע־

בראַכט די קינדער שיכלאַך מיט זאָקן, פאַר זיך אַ סוועטער, גע־אָרדערט אַ טאָן קוילן און געקויפט טאַקע אויף פאַר׳ן הויז אַ דריי גלעזער מיט לעפעלאַך.

אין אוונט, אַז מיסטער קאַרגמאַן האָט דערזען, וואָס זי האָט געטאָן, האָט ער זיך פאַרן קאָפּ אַ כאַפּ געטאָן, שרייענדיק מיט משונה׳דיקע קולות:

— דו האָסט דאָך מיך רואינירט. איך האָב דאָך דיר אַלע מאָל געבעטן צו שפּאָרן אַ דאָלער פאַר אַ „רעגנדיקן טאָג“.

— נו, וואָס־זשע ווילסטו ? — האָט זיך די גרינע פאַר־ענטפערט, — ס׳האָט דאָך טאַקע היינט גערעגנט . . . האָב איך אַלעס געקויפט . . .

שנאַפּס

(אַ ביטערע מעשה)

נאָך דעם ווי יאָשע בינלער איז אַרומגעגאַנגען דריי חדשים אָן אַרבעט, מיט אַ ביטערער האַרץ אויף דער וועלט, האָט ער זיך גענומען צו מאַכן דעם ביטערן טראָפּן . . . אָבער יאָשע ביגלער, ווייזט אויס, האָט קיין מזל ניט געהאַט צו מאַכן אַן „אָנשטענדיקן לעבן".

איז אַזוי גיך ווי ער האָט געמאַכט די ערשטע דריי גאַלאָן שנאַפּס, האָט זיך אים געמאַכט אַ דזשאַב צו דער אַרבעט.

כאַפּט יאָשע אַ פלעשעלע שנאַפּס מיט אַ שטיקל ברויט און לויפט אַוועק צו דער אַרבעט, אין שאַפּ אַריין. אָפּגעאַרבעט אַ האַלבן טאָג, נעמט זיך יאָשע אַרויס זיין ברויט מיט דער פלעשעלע און זעצט זיך עסן. ווי גיך ער האָט נאָר גענומען די פלעשעלע אין האַנט, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז כדי איינצוקויפן זיך ביים פאָרמאַן וואָלט ניט געשאַדט צו געבן אים אַ ביסל פאַרזוכן דעם ביטערן טראָפּן.

יאָשע האָט געגעבן און דער פאָרמאַן האָט גענומען. אָבער פאַרזוכנדיק האָט זיך דער פאָרמאַן פאַסמאַקעוועט און געבעטן אים צו ברייננען גאַנצע צוויי גאַלאָן.

יאָשע האָט זיך געפילט גליקלאַך, וואָס ענדלאַך וועט ער האָבן אַ „פול" ביים פאָרמאַן, און מיט צופרידנהייט האָט ער גלייך אויף מאָרגן געבראַכט אים אין הויז אַריין גאַנצע צוויי גאַלאָן שנאַפּס.

דער טשערמאַן אין שאַפּ האָט „דערשמעקט" אַז דער איד האָט אַ גוטן שנאַפּס, האָט ער זיך ניט געפוילט און אויך געבעטן אַ גאַלאָן.

יאָשע האָט זיך געטראַכט, אַז איצט איז זיין דזשאַב שוין גאָר

פארזיכערט, און ניט האבנדיק ביי זיך קיין שנאפס איז ער אוועק צו א פעדלער, גענומען א גאלאן שנאפס און מיט פארגעניגן גע־בראכט צום שאפ טשערמאן.

דער פארמאן האט גלייך געלאזט וויסן דעם דעזיינער, אז אין שאפ איז פאראן א מאן, וואס קען „מאכן" א גוטן שנאפס . . .

יאשע האט זיך שוין אביסל פארקרימט, דערוויסנדיק זיך, אז ער דארף שוין ברענגען נאך א גאלאן פארן דעזיינער. אבער וואס קען מען טאן ? — האט ער זיך געטראכט, — גיי ריים זיך איין מיט אזא מענטשן . . .

ווידער איז ער אוועק צום פעדלער, גענומען א גאלאן שנאפס אויף אפצאלן א דאלער א וואך, פאר'ן דעזיינער.

גייט ניט אוועק קיין וואך צייט, זאגט אים אן דער פארמאן, אז דער שנאפס איז שוין ניטא מער, און ער וויל ווידער א פאר גאלאן.

יאשע איז געבליבן שטיין ווי צוטומלט, און דאן פארצווייפלט זיך צעשריען — גאט מיינער : איר קענט דאך מער אויסטרינקען ווי איך קען מאכן . . .

דער פארמאן האט אים בייז אפגעמאסטן פון קאפ ביז די פיס און שטיל א בורטשע געטאן : נעקסטע וואך קענט איר זוכן אן אנדער פלאץ צו דער ארבעט. „בוטלעגערס" קענען ניט אר־בעטן ביי מיר אין שאפ.

יאשע איז פארצווייפלט צוגעלאפן צום שאפ טשערמאן, זיך באקלאגן אויף דעם פארמאנ'ס האנדלונג.

דער טשערמאן האט אים אנגעקוקט און שטיל געענטפערט : דעם, וואס דו האסט געגעבן די גוטע שנאפס, ביי דעם גיי בעטן „פראטעקשאן" . . .

יאשע ביגלער האט געזען מיט וועמען ער האט צו טאן. איז ער אוועק מיט א קלאגע צו זיין יוניאן.

ביי דער עקזעקוטיוו, ווען מ'האט אויסגעהערט דעם פארמאן און יאשע דעם ארבעטער, איז דער פארמאן ארויס דער זיגער.

ווען יאָשע איז געשטאַנען אונטער'ן טיר פאַרצווייפלט און געוויינט נאָך זיין דזשאַב האָט ער אַ כאַפּ געטאָן זיין וואַקינג דע־לעגאַט פאַר די לאַצן בעטנדיק ווי אַ קינד: האָט רחמנות אויף מיר, זאָגט מיר וואָס זאָל איך טאָן?

— ברייננג מיר דריי גאַלאָן שנאַפּס, — האָט אים דער וואָ־קינג דעלעגאַט געענטפערט, — וועל איך דיר צוריק קריגן דיין דזשאַב.

אדווערטייזמענט

אזוי גיך ווי משה דער גרויסער איז געוואָרן אַ פאַרמער, האָט ער גענומען לאַנג און ברייט זיך אַדוועטרטייזן אין די צייטונגען:

אידן, קומט צו מיר אויפן פאַרם.

ארץ־ישראל איז אַ העסטער פאַרק קעגן מיין פאַרם, מילך רינט פון הימל, האָניק קומט פון די קאַטשקעס, ברויט באַקן מיר אַף דער זון, די אייער זיינען אזוי פריש אַז מיר עסן זיי צוזאַמען מיט דער טשיקן . . .

אַט אזוי האָט זיך משה אדוועטרטייזט.

— — — — — — — — — — — — —

און ווען יונה צוויבאַק האָט גענומען טראַכטן פון פאָרן אין קאַנטרי איז זיין אויג געפאַלן אַף דעם אדוועטרטייזמענט.

האָט ער גלייך גענומען זיין „קראַנקע העלפט" מיט זיין פערטל טוץ קינדערלאַך און זיך אַוועקגעלאָזט צו משה דעם פאַרמער.

אריינגעפאָרן אין פאַרם, האָט יונה געבעטן וואָס גיכער עפּעס עסן, ווייל דאָס ווייב און די קינדער גייען ממש אויס פון הונ־גער.

משה האָט אָפּגעמאָסטן דעם קאָסטימער און מעלאָדראַמאַטיש געענטפערט: מיין פריינד, בּאַ אונז בעט מען ניט קיין עסן. איר וועט זיך דאַרפן צוזאַמענריידן מיט די גלאָקן־קלאַנגען, זיי זיינען די פאַראַנטוואָרטלאַכע פאַרן עסן.

יונה האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, ווי איינער זאָגט, וואָס רעדט ער צו מיר טאָטעריש. ער האָט אים אַ ווײלע אָנגעקוקט און דאַן זיך ווידער געווענדט: מיסטער פאַרמער, גיט מיר עפּעס עסן, מיין ווייב און קינדער זיינען הונגעריק.

— רעדט צום גלאָק! — האָט דער פאַרמער מיט כעס אים אַ בורטשע געטאָן, און איז פאַרשוואונדן.

יונה האָט גענומען אָנקוקן דאָס ווייב, די קינדער און אַלע ווי זיך צוזאַמענגעגערט האָבן גענומען זיך צו די פּעקלאַך.

— מיר פאָרן אַהיים — האָבן אַלע אין איין קול אויסגע־שריען.

דאָ איז גלייך משה ווידער געוועןּ אין פּלאַץ און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן טשעמאָדאַן — מיר פאָרן נאָך ניט — האָט ער דראַ־מאַטיש אויסגעשריען. — איידער וואָס־ווען וועט איר אַזוי גוט זיין און דורכלייענען אונזערע רולס.

משה האָט אַריינגעפירט יונה'ן אין אָפיס און אָנגעוויזן אַף אַ שילד, וואָס האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

דריי דאָלער קאָסט פאַר יעדן מענטשן צו ברענגען אים פון סטיישאַן צו דער פאַרם און פינף דאָלער פאַר אָפּפירן צוריק. ווייל צוריק פאָרט מען מיט מער וואָג . . .

פאַר קינדער איז דער זעלבער פּרייז ווי פאַר עלטערע מענטשן ווייל אַ סך עלטערע מענטשן פירן זיך אויף אַזוי ווי קינדער.

יעדערער איז באַרעכטיקט צו עסן דריי מאָל אַ טאָג. פאַר ניט עסן קאָסט אַ האַלבער דאָלער עקסטראַ. ווייל דער ווייטער איז ניט קיין שקלאַף צו טראָגן הין און צוריק אייער עסן.

ווען איר פאָרט אַוועק, דאַרפט איר אונז געבן צוויי טעג נאָטיס.

נאָכדעם ווי יונה האָט דורכגעלעזן די שילד האָט משה זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ בלייפעדער אין האַנט און גענומען רעכע־נען. פופצן דאָלער פאַר ברענגען פינף מענטשן צו דער פאַרם. פינף און צוואַנציק דאָלער פאַר אַוועקפירן פינף מענטשן צו דעם סטיישאַן. פאַר די צוויי טעג וואָס פינף מענטשן דאַרפן זיין צוליב נאָטיס, צו פינף דאָלער אַ טאָג, איז פופציק דאָלער, סך הכל איז ניינציק דאָלער.

יונה איז אַנידערגעפאַלן אין חלשות, ווען מ'האָט אים אָפּ־געמינטערט איז שוין דער ביל געוואָרן ניינציק דאָלער מיט פינף סענט, פאַר אַ גלאָז וואַסער, וואָס מ'האָט אויסגעגאָסן אַף יונה'ן מינטערנדיק אים.

כדי דער ביל זאָל ניט וואקסן מער האָט זיך די פרוי שנעל א כאפ געטאָן צום קניפּל און קוים מיט צרות ארויסגעקניפּלט זעכ־ציק דאלער.

משה האָט אנעם געטאָן די זעכציק דאלער, און ווידער דראַ־מאטיש א זאָג געטאָן: דיינקט ניט, אז איר געפינט זיך דאָ צווישן רויבער, איך וועל אייך ניט פארהאלטן דאָ איבער די פּאָר דאלער. אָט קריגט איר אויך טיקעטס, און זייט ווּיסן, אז איך בין א מענטש מיט א הארץ . . .

— — — — — — — — — — — — —

ווען די צוויבאק פאמיליע איז אָנגעקומען אין שטאָט און גענומען ווידער קוקן אין די צייטונגען וועגן א זומער־פּלאַץ וואו ארויסצופאָרן — האָבן זיי דערזען ווי משה דער גרויסער האָט צוגעגעבן צו זיין אַדווערטייזמענט: פאָרט איר אין קאָנטרי? פאָרט צו א מענטשן מיט א הארץ . . . וואָס גיט חוץ עסן און טרינקען אויך צדקה אין א נויט . . .

שאַפּ לייסענס

(אַ שניידער מעשה'לע)

גאַנצע זעקס יאָר האָב איך געטראָגן וואַסער, געהאַקט האָלץ און געוויגט קינדער, צו לערנען זיך שניידעריי. דערנאָך אין אַמע־ריקע אויסגעביטן אַלע וואָך אַ צוויי־דריי פּלעצער צו קאָנען גרינד־ליך די קונסט פון מאַכן אַ ראָק.

העלפּט גאָט מיין באָס און ער פאַרקלענערט זיין שאַפּ, און איך בּאַל אַרויס אַ קרבן. דריי איך זיך אַרום שוין אַזוי אַכט מאָנאַטן צייט, און כאָטש פּלאַץ, ניטאָ קיין שטיקל פּלאַץ צו דער אַרבעט.

טאָג איין טאָג אויס בין איך מיר אַזוי געלאָפן אין מיין לייבאָר ביוראָ און שאַ שטיל, ווי שניידעריי וואָלט אונטערגעגאַנגען.

איין פרימאָרגן גיט מיר ענדלאַך אַ רוף צו דער קלוירק און גיט מיך אַ פרעג אַזאַ שאלה : מיסטער, זייט איר אַ שניידער ?

דעם אמת געזאָגט, האָב איך טאַקע ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, ווארום גייענדיק ליידיק אַכט מאָנאַטן צייט, קאָן מען ווערן ניט נאָר אויס שניידער, נאָר אויס מענטש גאָר אינגאַנצן.

איך האָב זיך אָבער ניט פאַרלאָרן, און געענטפערט מיט שטאָלץ: יעס. איך בין אַ שניידער און טאַקע אַ גאַנצער „מאַקעניק".

— אַלזאָ. גוט, — גיט ער מיך אַ מעסט אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס — איר דאַרפט זיך רעדזשיסטרירן און קריגן אַ נומער.

— וואָס איז דאָס ? — האָב איך אויסגעגלאָצט אויף אים מיינע פאַרטרויערטע אויגן, — בין איך שוין אַ פּריזאָנער אויף דערצו. וואָס איך דאַרף קריגן אַ נומער ?

— אַט אַזוי איז דאָס! — האָט ער באַטאַנט, מעשה „קאָלאָ־דאַטשניק“, און גענומען מיר פרעגן, שרייבנדיק אויף אַ פּאַפּיר, מיין נאָמען, מיין אַדרעס, ווי אַלט איך בין, וואָס איך טו, ווי רופט מען מיין ווייב, וויפל קינדער האָב איך און אַ דאָזן אַנדערע פראַגן.

ווען איך האָב שוין אויסגעשעפּט אַלע ענטפערס אויף זיינע פראַגן, זאָג איך צום קלוירק:

— מיסטער, קען איך באַ אייך אויך פרעגן אַ פראַגע? און טאַקע באַלד פרעג איך:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, אין וואָס פאַר אַ נייע ביזנעס איז דאָס אריין אונזער יוניאָן? צוליב וואָס איז דאָס אַלעס, וואָס איר האָט מיך געפרעגט, איז דאָס פאַר סיטיזן פּייפּערס, פאַר מע־רידזש־לייסנס, אָדער דאָג־לייסנס?

— דאָס איז פאַר שאָפּ־לייסנס! — האָט מיר קורץ דער קלוירק געגעבן זיין ענטפער — און איצט, זאָגט ער, גייט אַהיים און וואַרט. ווען איך וועל האָבן פאַר אייך אַ שאַפּ צו אַרבעטן, וועל איך אייך לאָזן וויסן אין אַ בריוו.

איך האָב אַ כאַפּ געטאָן מיין שער אין קעשענע און גלייך זיך אַוועקגעלאָזט אַהיים.

דעם אמת געזאָגט, בין איך ניט קיין הויז־זיצער. כ׳האָב ניט אַזוי ליב, אַז מיין ווייבל זאָל מיר גראַגערן אין אויער: פאַרוואָס זוכסטו ניט קיין דזשאָב? באַ לייטן מענער אַרבעטן און ברייַנגען „פּעידע“, נאָר דו גייסט ניט אַרויס פון הויז צו זוכן עפּעס אַר־בעט.

פאַרפאַלן. די יוניאָן הייסט זיצן אין הויז, מוז מען פאָלגן. האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אין הויז און געוואַרט צו קריגן אַ בריוו פון דער יוניאָן.

אין פרימאָרגן דערהער איך אַ פייף פון לעטער־קעריער.

— אַ דזשאָב! — גיב איך אַ געשריי צו מיין ווייב.

זי איז אַרונטערגעלאָפן און אַרויפגעבראַכט אַ בריוו, און — מזל טוב — אַ גאַז ביל אין אַ נאַווינע פאַר צוויי מאָנאַטן.

איך בין געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט, קוקנדיק אין פענסטער און וואַרטנדיק פאַר געקסטער מעיל.

ביז דער לעטער־קעריער קומט און ווידער א פייף.

א דזשאב, דאכט זיך מיר איז דא. איך נעם ארויף דעם בריוו, עפן אויף — ס'איז פון יוראפ, פון דער שוויגער. עס גייט צו פסח, וויל זי, איך זאל איר שיקן א פאר דאלאר אויף יום טוב.

אין אוונט ווידער א בריוו פון מיין ארבעטער רינג ברענטש, איך זאל זען באצאלן מיין ביל, אויב ניט ווער איך געשטראכן.

אין דריי וואכן ארום, איין פרימארגן איז ענדלאך געקומען א בריוו פון דער יוניאן. מיין ווייבל האט א כאפ געטאן דעם בריוו, אריין אין גראסערי און גענומען אויף דעם רעכענונג פאר ברעקפעסט. אריינגעלאפן אין בוטשער סטאר גענומען אויף דעם רעכענונג א פונט פלייש. אריינגעכאפט זיך נעקסט־דאר, געבארגט ווידער 5 דאלער, און דאן מיר איבערגעגעבן מיינע „שאפ־לייסנס“, און מיך אויסגעפראוועט אין שאפ אריין.

אריינקומענדיק אין שאפ איז מיר דער פארמען אנטקעגן געקומען און זיך אנטשולדיקט: מיר האבן נעכטן געדארפט א בייסטער, ווייל א מאן איז קראנק געווארן, אבער אויף אייער שלים־מזל איז ער שוין היינט געזונט און איז געקומען צו דער ארבעט . . .

נימא קיין מזל! האב איך צעגויפגעדריקט די „שאפ־לייסנס“ אין האנט, און פארצווייפלט ארונטער אין גאס.

נאָכן געזעץ

דער לענדלאָרד, מיסטער גאָלדמאַן, האָט, ווי שטענדיק, פּונקט דעם ערשטן אָנגעקלאַפּט אין טיר פון זיינע טענענטס און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי דאַרפן געבן רענט.

די טענענטס, קענענדיק מיסטער גאָלדמאַן, האָבן ווי שטענדיק אים גלייך אַנטקעגן געטראָגן די געלט און געבעטן אַ רעסיט.

ווי איבעררעאַשט זיינען זיי אָבער געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען אָנגעשריבן אויף דעם רעסיט אַ גאַנצע מגילה, וואָס האָט זיך געלעזן ווי פאָלגט:

„אַלע טענענטס פאַרפּליכטן זיך ניט צו האָבן קיין קינדער אַז דער ערלויבעניש פון לענדלאָרד. די שטיגן דאַרפן ווערן געוואַשן אַלע טאָג פון די טענענטס, נאָכ'ן נעקסט. וואַסער זאָל גענומען ווערען פון סינק מיט אַ מאָס. קיינער טאָר ניט וויינען אָדער לאַכן צו הויך. פאַר שפּילן פאָנאָגראַף, פּיאַנאָ, פויקער אָדער ליבע, זאָל דער לענדלאָרד קריגן דערפאַר 25 סענט אַ שטונדע. פאַר זינגען זאָל ער האָבן דאָס רעכט אַרויסצושטעלן אין גאַס אַז נאָטים . . . ווען אימיצער וויל זיך קריגן, מוז ער גיין 3 בלאָק ווייט פון הויז. אויך טאָר מען ניט האַקן קיין האָלץ אין הויז און ניט דרייען דעם שלאָס פון טיר.“

ווען די טענענטס האָבן דורכגעלעזן די נייע געזעצן פון זייער לענדלאָרד מיסטער גאָלדמאַן, האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט פּלאַנעווען אַן ענטפער צום לענדלאָרד.

דאָ זיינען די פּאַרשלאַגן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן:

דער לענדלאָרד וויל ניט מיר זאָלן האָבן קינדער, אָבער אַ נאָמען נאָך אים מעגן מיר האָבן! מיר טאָרן ניט וויינען און ניט לאַכן, אָבער אויסזידלען אים ווי אַ חזיר דאָס מעגן מיר! מיר טאָרן קיין זאַך נישט שפּילן, אָבער אַ פינסטערע חתונה מעגן

מיר אים אָפּשפּילן! זינגען טאָרן מיר ניט, אָבער אז ער זאָל האָבן צו זינגען פון אונז דאָס מעגן מיר! האַלץ האַקן טאָר מען ניט, אָבער די זייטן אונטערהאַקן דאָס מעגן מיר! דרייען דעם שלאָס טאָר מען ניט, אָבער פאַרדרייען אים די פערדישע קאָפּ זיינע, דאָס מעגן מיר!

איינשטימיג זיינען אָנגענומען געוואָרן די אַלע פאַרשלאָגן.

ווען דער לענדלאָרד, מיסטער גאָלדמאַן, איז געקומען קריגן אַן ענטפער פון די טענענטס, צי זיי זיינען צופרידן פון דעם נייעם אַגרימענט, האָבן זיך אַלע צוזאַמענגעקליבן אין איין הויז, און איי־נער פון די טענענטס האָט גענומען דאָס וואָרט:

— מיסטער גאָלדמאַן, איבערלעזנדיק דעם נייעם רעסיט אייערן, וואָלטן מיר אַלע, מער אָדער ווייניגער, זיין צופרידן, ווען צו די אַלע זאַכן גיט איר אונז צו נאָך איין קלייניקייט צו טאָן.

— וואָס? — האָט אַ פרייד זיך צוגאָסן איבער מיסטער גאָלדמאַנ׳ס שמאַלץ פּנים.

— צו קאָלעקטן אויף די רענט, — האָט זיך דער טענענט צולאַכט.

מיסטער גאָלדמאַן האָט פאַר כּעס אַזש אַ ציטער געטאָן.

— וואָס ווילט איר? קאָלעקטן רענט? און וואו בין איך?

— האָט ער זיך צעשריען אויפ׳ן קול, — דערווייל בין איך נאָך דער לענדלאָרד אין הויז!

אין דער מינוט האָבן די טענענטס אים אַ נעם געטאָן, ווער פאַר אַ האַנט און ווער פאַר אַ פוס, און איין פאַראייניגטער געשריי האָט זיך דערהערט:

— אין דעם נייעם אַגרימענט שטייט, אַז ווען מ׳וויל זיך קריגן מוז מען גיין דריי בלאָק ווייטער פון הויז!

און מיסטער גאָלדמאַן איז נעבעך געפלויגן מיט דריי בלאָק ווייטער . . .

„האַריאָפּ“

לויפט אַריין אַ איד פאַרסמייעט אין אַ רעסטאָראַנט, און עס איז קענטיק אויף זיין פּנים, אַז ער איז זייער ביזי.

זופּט אויף גיך אוים די גלאָז וואַסער און דרייט דעם קאָפּ הין און צוריק, זוכנדיק אויף גיך דעם ווייטער. — איך האָב ניט קיין צייט — בורטשעט ער אליין צו זיך, און בייסט וואָס עס מאַכט זיך אונטער׳ן האַנט. — וואו איז ערגעץ אַ ווייטער צו אַלדי שווארץ יאָר ?

אויף די שפּיץ פינגער האָט צוגעטאַנצט אַ ווייטער מיט אַ האַנטטיכל אין האַנט, אַרומגעווישט דעם טיש און דראַמאַטיש אַ פרעג געטאָן : — וואָס וועט עסן אַ איד ?

— איך וויל עפּעס אַ שטיקל הערינג. אָבער גיך, ווייל איך האָב ניט מער ווי אַ האַלבע שטונדע פאַר דינער.

— גיך : — האָט דער ווייטער איבערגעזאָגט, — אַלזאָ וואָס פאַר אַ הערינג ווילט איר : מאַטשעם הערינג, שמאַלץ הערינג, פּי־קעלט הערינג, מילך הערינג, רוסישער הערינג, ענגלישער הערינג, הערינג מיט גריק סאַלאַד, טאָמייטאָ הערינג, קיפּערד הערינג, אָדער ביסמאַרק הערינג ?

דער איד איז געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט, קוקנדיק ווי עס פליען גיך די הערינגס פונ׳ם ווייטער׳ס מויל. ער איז באַלד גע־קומען צו זיך נאָך דער הערינג אַטאַקע און האָט זיך געווענדעט צום ווייטער : — ווייסט איר גאָר וואָס, גיט מיר שוין בעסער אַ זופּ.

אַ זופּ ? — האָט דער ווייטער איבערגעפרעגט : — וואָס פאַר אַ זופּ וועט איר עסן : פּאָטייטאָ זופּ, בינס זופּ, קרויט, קאַלטן באָרשטש, ספּליט פּיס, וועדזשעטייבל זופּ, לאָקשן זופּ, פאַרפל זופּ, רייז מיט מילך, קאָרנפלייקס, קאַשע מיט מילך, אָדער פליינע זופּ ?

דער איד איז געבליבן זיצן ווי אַפּגעגאָסן מיט אַ גרויסן קעסל זופּ, און וואָס צו עסן האָט ער אַלץ ניט געוואוסט.

— ווייסט איר גאָר וואָס, — האָט שוין דער איד מיט כעס אויסגעשריען: — גיט מיר אַ שטיקל פלייש.

דער ווייטער איז שוין געוואָרן אומגעדולדיק און אויך מיט כעס איבערגעשריען:

— זאָל זיין פלייש; אָבער וואָס פאַר אַ פלייש וועט איר עסן? זופּן פלייש, קאַלבס בראַטן, קאָטלעטן, לעם טשאָפּס, ריפּ סטייק, קראַשעצע, טשאַק סטייק, לעבער סטייק, האַמבורגער סטייק, געבראָטענע טשיקן, ספּרינג טשיקן?

דער איד איז געזעסן און געדרייט זיך אין דרייען, ווי דער ווייטער וואָלט פון אים געריסן שטיקער פלייש. און דער ווייטער האָט געהאַלטן אין איין וואַרפן שטיקער פלייש פון מויל...

דער איד האָט מער ניט געקענט איינזיצן און אַ כאַפּ געטאָן אים פאַר'ן האַנט. — גאָט איז מיט אייך! איר וועט דאָך באַלד אַלע בהמות אויסשעכטן...

דער ווייטער האָט אים בייז אָנגעקוקט און שוין געוואָלט אריבערגיין צו אַ צווייטן טישל. דער איד האָט אים אָבער אַ נעם געטאָן פאַר'ן האַנטטיכל און מיט רחמנות אַ בעט געטאָן: — פּליז, גיט מיר קאַפּע מיט קייק.

— וואָס פאַר אַ קייק געבן? — האָט דער ווייטער אַ פרעג געטאָן, און ווידער גענומען לייענען זיין צעטל:

ספּאָנדזש קייק, קאָפּע קייק, רייזן קייק, שטרודל, סטראָבערי שאָרט קייק, פרענטש פּייסטרי, קאָפּע רינג, ראָגאַלקאַלאַך, פּוטער קייק, אייז־קרים קייק, טשאָקאָלאַד קייק, צוקערלעקאַך, האָניק קייק, מאַנדל קייק, אָדער היימישע טשאַסטעס. אַלזאָ וואָס וועט איר נעמען?

דער איד האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן אויפן זייגער און ווי ניט מיט זיין קול האָט ער אַ געשריי געטאָן:

איך וועל נעמען דעם וועג... און מיט שנעלע טריט אַנטלאָפן צוריק אין שאַפּ אריין.

אַן עקסטראַ סייז

אזוי גיך ווי טשאַרלי האָט אויסגעפונען, אַז סוף גנב לתלית, דאָס הייסט יעדער בחור מוז חתונה האָבן, האָט ער אָנגעפאַנגען זוכן עפּעס אַ לייטישע מאַכטער.

נאָר אזוי ווי ער איז ניט געווען פון די לייכטזיניקע חברה און נאָך אַ שפּאָרזאַמער דערצו, האָט ער זייער גוט אכטונג געגעבן ער זאָל זיך חלילה ניט אָפּנאַרן מיט דער סחורה און קריגן אַ ריכטיקע וואָג . . .

האָט טשאַרלי אָנגעפאַנגען זוכן אַ מיידל, ווי אַ גוטע באַלע־באָסטע אַ טשיקן אויף שבת, באַזוכט דאָס, באַטאַפּט דאָס, צו דאָס איז פריש, צו דאָס איז כשר. צי דאָס איז פעט. מיט איין וואָרט, עס זאָל זיין וואָס אין טעפּל אריינצולייגן.

אזוי האָט טשאַרלי געוואָלט אַ מויד עס זאָל זיין וואָס אָנצו־קוקן פאַר זיין געלט.

האָט מען אים פאָרגעשטעלט פאַר אַ מיידל האָט ער זיך ניט געפוילט און דאָס ערשטע אַ קוק געטאָן אין די ציין, הוייל אַ ווייב מיט שלעכטע ציין — פלעגט ער זאָגן — גלייכט צו גריזשען דעם מאַן, און צווייטנס, קאָסט ביים דענטיסט צו פיקסן. דאַן פלעגט ער נעמען באַטראַכטן די האָר צו דאָס איז ניט קיין געפאַרבטע און אזוי ווייטער מיט די ברעמען, מיט די באַקן און די הויפּטזאַך אויף די ליפּן, ווייל זינט די מיידלאַך האָבן אָנגעפאַנגען צו פאַרבן די ליפּן — האָט זיך טשאַרלי באַקלאָגט — איז אַן אומגליק פאַר די מענער, ווייל אַמאָליקע יאָרן אַז מ'האָט געוואָלט וויסן צו אַ מיידל איז אַ גוטע, האָט מען אַ קוק געטאָן אויף די ליפּן, זיינען זיי געווען רויטע איז דאָס געווען אַ סמן פון אַ גוטער נשמה, טאָמער זיינען זיי אָבער געווען בלויע, האָט מען געוואוסט, אַז דאָס איז אַ שלאַק

און מען דארף זיך היטן פון איר. היינט איז אָבער אַן אומגליק. אַלע מיידלאַך האָבן רויטע ליפּעלאַך . . . און דערפאַר דארף מען זיך זייער היטן פון אַ שווארצן סוף.

מיט דער צייט האָט אָבער טשאַרלי געפונען וואָס ער האָט גע־וואָלט, אַ זאַפּטיקע מויד מיט אַלע מעלות, און דערצו נאָך איז דאָס געווען וואָס אָנצוקוקן פאַר זיין געלט, זיבן פוס די הויך און פינף די ברייט. צוזאַמען אַ מויד צוויי הונדערט מיט צען פונט. און אַז טשאַרלי האָט נאָך דער חתונה אַרויסגערעדט "מיין ווייב„ האָט יעדערער געפילט, ווי צוויי הונדערט מיט צען פונט קייקלען זיך אַראָפּ פון זיינע ליפּן.

אָבער דאָס ערשטע מאָל נאָך דער חתונה, ווען טשאַרלי איז אַריין אין אַ סטאָר קויפן אַ דרעס פאַר דער ווייב, און האָט דער־הערט פון קלוירק, אַז מען מוז איר מאַכן צו אָרדער אַ דרעס, ווייל זי דארף אַן עקסטרא סייז, האָט ער זיך געכאַפּט וואָס פאַר אַ יאָך ער האָט אויף זיך גענומען. . .

פון דאַן אָן ווען טשאַרלי פלעגט פאַרבייגיין אַ שוך סטאָר, אַ דרעס־סטאָר, אַ קאָרסעט־סטאָר, האָבן פאַר אים געקלונגען די ווער־טער פון קלוירק : „עקסטרא סייז" !

און ער האָט ביי זיך באַשלאָסן אַלעס צו טאָן און פּטור צו ווערן פון דעם עקסטרא סייז.

איין אָוונט האָט טשאַרלי אַ כאַפּ געטאָן זיין פרוי פון קיטשן און איר אָוועקגעשלעפּט צו אַ לעקטשור. קום — האָט ער איר איינגערוימט אין אויער — וועסטו הערן ביי אַ לעקציע פון אַ דאָקטאָר ווי אַזוי צו רעדוצירן וואָג.

ביידע זיינען גלייך אַוועק צו דער לעקטשור. אויסגעהערט יע־דעס וואָרט, און פאַרשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר וואָס דער דאָק־טאָר האָט אָנגעזאָגט.

ערשטנס, ניט צו עסן קיין פלייש מיט צוקער. קיין הערינג מיט אייז־קרים. און קיין ברויט מיט מילך, און צווייטנס, וואָס מער שפּאַצירן איבער די גאַסן, און דאָס וועט איר זיכער רעדוצירן אַ פערציק פונט פון איר וואָג.

כדי ארונטערצונעמען דעם שווערן יאָך פון טשאַרלי׳ן, האָט זי ביי זיך באַשלאָסן צו זען אויספאָלגן דעם אָרדער פון דעם דאָק־טאָר, און האָט פאַרשריבן פאַר זיך אַ ביל־אָוו־פעיר, וואָס זי מעג יאָ עסן :

פאַר ברעקפעסט : אַ באָקס קרעקערס, אַ פערטל לאָקס, אַ פיינקאָכן פון זעקס אייער און צוויי גלאָז שוואַרצע קאַפע.

פאַר דינער : צוויי באָקסלאַך קרעקעס, אַ קאָמבינײשאָן סאַ־לאַד, אַ האַלב ספּרינגעלע, אַ טעלער זופּ און אַ גלאָז טיי מיט ספּאָנדזש קייק.

פאַר סאַפּער : אַ באָקס צוויבאַק מיט סעמען, אַ האַלבן פּיינ־עפּל און אַ באָקסעלע פּאָסטינאַ מיט טיי.

דערצו האָט זי יעדן טאָג געכאַפּט אַ שפּאַציר פון צוואַנציק בלאָק, און כדי זי זאָל קענען וואָס מער שפּאַצירן, פלעגט זי מיט־נעמען עפּעס אויפן וועג צו קענען דערכאַפּן די נשמה : אַ האַלב פונט טשאָקאָלאַד, אַ פונט רעיזן, אַ בעג פּינאַטס, מיט אַ באָקסע־לע פייגן.

ווען זי האָט זיך אַזוי געמאַרעט מיט דעם עסן און געמאַטערט מיט דעם שפּאַצירן אַ פּאָר מאָנאַטן צייט, האָט טשאַרלי איינמאָל פאַרבייגייענדיק אַ וואָג, געוואָלט זען די רעזולטאַטן.

און אַזוי גיך ווי זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער וואָג, האָט טשאַרלי, פון גרויס האַרץ־קלעמעניש, זיך אַוועקגעלייגט אויפ׳ן פּלאָר, ווייל זי האָט צוגעקראָגן צוויי און דרייסיק פונט . . .

וואו איז מיין טיקעט ?

א רעדע פון איינעם אָבער א „רעכטן"

עי, טשערמאַן ! איך וויל דעם פלאָר ! איר גיט מיר דעם פלאָר ? ווארום איר וועט באַלד ביי מיר קריכן אויף די גלייכע ווענט . . .

עי, טשערמאַן, איך וויל דעם פלאָר, איר גיט ניט ? נו, נעם איך אַליין !

טשערמאַן און ברידער : איך האָב געהערט לעזן דעם „פּראָ־טאָקאָל" אז די „דזשאַנק זעקטיוו באָר" האָט געקראָגן טיקעטס צו א באַנקעט, אויב אַזוי וויל איך וויסן, פארוואָס זאָל מען מיר „איג־נאָרירן" ? בין איך א דעלעגאַט צו ניט ?

מילא, מ'גיט מיר ניט דעם פלאָר, אַרט עס מיר ווי די וואַנט, נעם איך אַליין, אָבער פאר וואָס גיט מען מיר ניט קיין טיקעטס צום באַנקעט ? בין איך דאָ א הונט, בין איך דאָ ? צו א „נאַק־טיוועער" מענטש ?

אַלץ נאָר זיי און זיי, זאָל איך קריינקען, צו מיר אַרט דער פרעס, איך האָב געגוג צו עסן אין הויז אויך אביסל שנאַפּס, נאָט צו דאַנקען, פעלט מיר אויך ניט . . . איר זעט, אָה, פאַראַן, ניט צו פארזינדיקן.

עי, דו פּאַסקודניק, ווער איז א שכור ? זאָלסט אַזוי האָבן ציין אין מויל, ווי איך האָב אפילו אָנגעזען היינט א שנאַפּס, דו רופסט מיך שכור ? איך גיב דיר באַלד א פּלעם אין פּיסק אריין וועסטו דערזען „קארעל מאַקעס" פון יענער וועלט.

ווער איך בין, א שטאַרקער ? מיר רופסטו שטאַרקער ? קריג־סטו באַלד א טשמעלע איבער'ן פרעסער, אז די קאָפּ פּאַרדרייט זיך

דיר. ער רופט מיר שטאַרקער . . . דו האָסט שוין מסתמא פאַר־געסן די לאַך אין קאָפּ ? האָסטו שוין ווידער געקראָגן אַ גרויסן מויל. האַלט פּיסק, דו הערסט ! מיר זאָלסטו ניט רופן שטאַרקער, ווייל איך בין אַ מענטש, וואָס איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געהויבן אַ האַנט אויף קיינעם.

יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן ? איך וויל וויסן, וואָס וועט זיין מיט אַ טיקעט ? בלוט וועט זיך גיסן ! אויב איך קריג ניט קיין טיקעט צום באַנקעט, איר הערט, צי ניט ?

עי, זיץ דאָרטן איינגעלייגט מיט דיינע טרייד פראַגן, די טרייד וועט ניט אַנטלויפן און דער באַנקעט איז שוין נעקסטע וואָך, ווייל איך וויסן וואָס וועט זיין מיט אַ טיקעט וויל איך וויסן.

עי, טשערמאַן, הער אויף בעסער צו קלאַפּן מיט'ן האַמער. ווייל ס'עט דיר באַלד קלאַפּן אין קאָפּ אַריין, דו פאַרשטייסט צי ניט ? איך וויל דיר ניט באַליידיקן, נאָר איך וועל דיר באַלד זאָגן ווער דו ביסט. דו פּאַסקוטניאַק. די קאָמיטע וועט דער שוואַרץ יאָר ניט נעמען. זאָלן זיי וואַרטן, איך האָב אויף זיי לייגנער גע־וואַרט.

וואָס איך וויל וויסן, טשערמאַן, בין איך אַ דעלעגאַט צי ניט ?

איך בין אַ דעלעגאַט ! טאָ וואו איז מיין טיקעט ?

וואָס, איר שעמט זיך מיט מיר ? עי, דו לאַכודרע, דו האָסט ניט אַזוי פיל האָר אויפן קאָפּ וויפיל איך האָב שוין געגעסן און געטרונקען אויף באַנקעטן, זאָל הערשל זאָגן. עי, הערשל, גע־דיינקסט ווי מיר האָבן אַמאָל געפרעסן. אין יענע יאָרן ביי באַנ־קעטן ? היינט איז ער אַ גאַנצער מאַכער, איך וויל וויסן וואָס וועט זיין מיט מיין טיקעט ?

איך זעץ זיך ניט ! זעצט זיך אַליין אוועק, איר קענט איינ־זיצן . . . איר האָט שוין אַ טיקעט ! מיר אָבער אָן אַ טיקעט, וועט איר ניט אוועקזעצן.

— ווער, דו, וועסט מיר אוועקזעצן ? איך פרעס דאָך אויף אַזאַ „גאַנז״ ווי דו אויף דינער. דו לאַפּטוט דו, דו גרינע אונערקע, איך האָב שוין מער שנאַפּס אין אַמעריקע אויסגעטרונקען ווי דו

וואסער. די „יוני" וועט ניט פארכאפט ווערן. די טיקעטס זיינען שוין אבער צוכאפט. פארשטייסטו, צי ניין? טא ליג דארט איינגעלייגט מיט דער יוני!

טשערמאן, איך וויל וויסן וואו איז מיין טיקעט? איך אפעליר צום טשערמאן, וואו איז מיין טיקעט, וואו?

וואס, דו גיסט מיר דיין טיקעט. זאלסטו אזוי לעבן? אט אזוי אה, ביזט א מאן. ער, משה, ברייננ צו דעם טיקעט.

אה, איצט זע איך, אז איך בין א דעלעגאט!

ביזי בא קלאָוקס

מיט יעדן יאָר, ווי עס האָט זיך פאַרגרעסערט די משפחה ביי מיסטער פליישמאַן האָט זיך אויך פאַרגרעסערט דער דלות. אזוי האָט ער צו יעדן ניי־געבאָרען קינד געמוזט, א חוץ זיין שטענדיקן טרייד ביי קלאָוקס, אביסל צופעדלען אָדער ארבעטן שבת און זונטיק אין א קלינינג סטאָר, ביז ער האָט געמוזט אויך ווערן א הויז־קיפּער. ווערנדיק א הויז־קיפּער אין א נייער הויז, מיט שיינע רומס, סטים־היט, עלעקטריק־לייט און דערצו נאָך שטענדיק הייסע וואַסער, איז דאָס געווען ביי מיסטער פליישמאַנען דאָס העכסטע גליק, וואָס א מענטש קען זיך ארויפאַרבעטן אויף דער וועלט.

איבערהויפּט איז ער געווען צופרידן וואָס זיינע טענענטס, וואָס מופן אריין, זיינען ניט קיין שניידורעס, קלאָוקמאַכער אָדער אַנדערע פּראָסטע ארבעטער, וואָס קענען ניט דערוויזן צו טריטן גוט א הויז־קיפּער. דאָ, אין זיין הויז, האָט ער שוין אזעלכע בכבוד׳ע טענענטס ווי א פּאָר מאַנופעקטשורערס, צוויי קלאָוקס מאַנופעקטשורערס, א דעזיינער ביי קלאָוקס, צוויי דענטיסטן, דריי דאָקטוירים, און נאָך פון דעם סאָרט.

די ערשטע צייטן האָבן אים אפילו זייער ניט „געשמעקט” די באַנדלאַך מיט שמוץ, וואָס זיינען געפלויגן אין יאַרד אריין דורך די פענסטער פון די דאָקטוירים און מאַנופעקטשורערס. ער האָט אָבער פאַר זיך גערעכנט, אז עס וועט זיך באַצאָלן צו מאַכן א שווייג. נאָך אַלעמען זיינען דאָס ניט קיין שניידער. ס׳וועט קומען א יום־טוב, וועט זיין א ביינדל אָפּצולעקן און מיט דער האָפנונג איז ער צעפרידן געווען צו קלינען און ראַמען פאַר זיינע בכבוד׳ע טענענטס.

זיין האפנונג איז אבער גאר גיך צעשטערט געווארן. זיצנדיק ביי א גרויסן מאסמיטינג פון קלאוקמאכער, איז ער איבערראשט געווארן, דערזעענדיק זיינע טענענטס, די מאנופעקטשורערס, אויך צעווישן די ארבעטער.

מיסטער פליישמאן, א דערשראקענער, האט זיך ארייננערוקט אין א ווינקעלע ווען ער האט דערזען, ווי איינער פון זיינע טענענטס רוקט זיך צו דער פלאטפארמע און רוימט עפעס איין שטילערהייד דעם קאמיטע־מאן אין אויער.

באלד האט זיך שטילערהייד צוגערוקט א צווייטער טענענט און ווידער איינגערוימט עפעס דעם קאמיטע־מאן. אזוי אויך א דריטער טענענט און א פערטער.

זייענדיג א גוטער יוניאן־מאן, האט זיך מיסטער פליישמאן מער ניט געקענט קאנטראלירן. ער איז צוגעלאפן דורך א זייט צום קאמיטע מאן און האט אים פארטרויט א סוד: „דא אין האל זיצן מאנופעקטשורערס. איך קען זיי, זיי וואוינען מיט מיר אין איין הויז“.

— ווער זיינען זיי? — האט דער קאמיטע־מאן באלד א פרעג געטאן.

— די, וואס האבן מיט איך גערעדט ניט לאנג, — האט מיסטער פליישמאן ארויסגעזאגט, ציטערנדיק ווי א פיש. — זייערע נעמען זיינען: מייקעלסאן, פישמאן, גאלדשטיין, און טע־פערמאן.

— דאס זיינען דאך טאקע די נעמען, וואס זיי האבן מיר אנגעגעבן איינע אויף די אנדערע, — האט זיך דער קאמיטע־מאן צעלאכט, — יעדער פון זיי זאגט אויפן צווייטן, אז ער איז א באס און איז געקומען שפיאנעווען אויפ'ן מיטינג.

דער קאמיטע מאן איז באלד ארויף אויף דער פלאטפארמע, א קלאפ געטאן מיט'ן האמער, און האט זיך געווענדט צו די מיט־גלידער:

— איז ווער דא פאראן אין האל מיט'ן נאמען מייקעלסאן?

— יע, איז באל־ אויפגעשפרונגען א יונגערמאן.

— וואָס האָט איר דאָ צו טאָן ביי אונזער מיטינג ? — האָט דער קאָמיטע־מאַן אים אַ פרעג געטאָן. — מיר דאַרפן דאָ ניט קיין באַלעבאַטים, מיר האָבן גערופן בלויז אַרבעטער.

— וואָס הייסט, — האָט דער יונגערמאַן אַ צעשראָקענער געענטפערט — איך בין שוין אַ יוניאָן־מאַן 14 יאָר, אַרבעט אין שאַפּ, צאָל דיוס, און הלואי ווייטער, קיין באָס בין איך נאָך קיינמאָל ניט געווען. — ער האָט גלייך אַרויסגעכאַפּט זיין יוניאָן־ביכל פון פּאָקעט און האָט עס באַוויזן.

דער קאָמיטע־מאַן האָט זיך באַלד גענומען צו די איבעריגע "מאַנופעקטשורערס„ אָבער אַלע האָבן געגעבן דעם זעלבן ענטפער.

נאָכ'ן מיטינג איז די נייעס פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן אַלע שכנים אין הויז און די „מאַנופעקטשורערס" האָבן זיך געשעמט צו ווייזן די אויגן איינער פאַר'ן צווייטן.

ענדע מאָנאַט האָט מיסטער פליישמאַן געמוזט דעקאָרירן אַלע פענסטער פון ה״ז מיט „רומס טו־לעט", ווייל אַלע „מאַנו־פעקטשורערס", „דאָקטוירים", „דענטיסטן", האָבן צעמופט, וואו־הין די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

און מיסטער פליישמאַן האָט זיך פאַרשוואוירן ניט מער צו פאַר־רענטן די רומס צו „מאַנופעקטשורערס" . . .

ערקלערט זיך א סטרייק

מיסטער וויינשעל, דער שניידער־באַס, פּלעגט, געוויינטלאַך, אריינקומען אין שאַפּ ניט פריער ווי צען א זייגער. ווי איבער־ראַשט זיינען די ארבעטער געוואָרן איין אין דער פרי, ווען ער האָט זיך אריינגעקייקלט פּונקט זיבן.

פון אַלע ווינקעלאַך האָבן די ארבעטער גענומען קוקן מיט פּארדאכט, עפּעס נייעס — האָבן זיי געמורמלט איינער צום צווייטן.

מיסטער וויינשל איז א ווײַלע געשטאַנען לעבן אַפּים, און דאַן פּלוצלינג ארויסגעכאַפּט א צייטונג פון קעשענע און אָנגע־פאַנגען צו לויפן איבערן שאַפּ שרייענדיק מיט ווילדע קולות: —

„מ'לאָזט מיר א נאַכט רואיק ניט איבערשלאָפן!"

די ארבעטער האָבן זיך געכאַפּט, אַז דאָס מיינט ער ניט קיין מאסקיטאָס, און אַז דאָס איז אויך ניט די שרעקלאַכע היץ, אויף וואָס ער באַקלאָגט זיך, נאָר ער האָט שוין מסתמא געלייענט די נייעס, אַז מ'רופט א סטרייק.

די ארבעטער האָבן זיך געזעצט צו דער ארבעט און מיסטער־וויינשעל האָט זיך אויעקגעשטעלט לעבן טשערמאַן האַלטנדיק א ראָק אין האַנט, קוקנדיק פון אונטער'ן ארבל אויף אים מיט זיינע גנב'ישע אויגן.

דער טשערמאַן האָט אוועקגעלייגט די ארבעט און גענומען קוקן אויפ'ן באָס.

— וואָס קוקסטו מיר אָן? — האָט מיסטער וויינשעל זיך צעשריען מיט א שויב אויף די ליפּן.

— איך קוק — האָט זיך דער טשערמאַן צעלאַכט — ווי איר קוקט אויף מיר, ווייל אין א שטונדע ארום וועלן מיר אייך שוין מער ניט אָנקוקן.

— וואָס ,איר גיים טאַקע סטרייקן ? — האָט מיסטער וויינ־שעל זיך אַזש צעבליפּעט. — ניין, ביי מיר וועט מען ניט סטרייקן !

און אין מיטן זיינע רייד איז אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן, דערלאַנגענדיק אַ ליפלעט צו אים אין האַנט אַריין.

מיסטער וויינשעל האָט אפילו ניט דורכגעלעזן דעם ליפלעט. נאָר אַ כאַפּ געטאָן דעם יונגנמאַן און אים אָנגעהויבן שלאָגן מכות רצח.

ווען דער כשערכאַז האָט געסטאַפּט דעם שאַפּ און אַלע זיי־נען זיך צוזאַמענגעלאָפן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער יונגערמאַן איז געשיקט געוואָרן פון דער באָסעס אַסאָסיאיישאַן צו איינלאַדען מיסטער וויינשעל צו אַ מיטינג, וואו מ׳זאָל באַטראַכטן ווי אַזוי צו באַקעמפן די יוניאָן.

די אַרבעטער האָבן זיך שוין מער ניט געזעצט צו דער אַר־בעט און אַזוי האָט מיסטער וויינשעל באַ זיך אַליין אָפּגעסטאַפּט זיין שאַפּ.

אָנגעפּייפּט

איך האָב שוין געזען אין מיין לעבן פאַרשידענע קאַרגע מענטשן. אַזעלכע וואָס זשאַלעווען אַ לעפל צו ניצן און עסן דער־פאַר מיט די הענט. אַזעלכע וואָס קאַרגן צו גיין אויף די שיך, קריכן זיי דערפאַר אויפ׳ן קאָפּ. איך האָב אויך געקענט אַ חברה־מאַן וואָס האָט געזשאַלעוועט די באַקן פון זיין פרוי, האָט ער גע־קושט פרעמדע ווייבלאַך.

אָבער אַזאַ קאַרגן ווי מיין שכן ש. פּ. האָב איך נאָך אין מיין לעבן ניט געזען. און איך רוף אים ש .פּ. ניט דערפאַר, וואָס איך קאַרג טינט אונטערצושרייבן זיין פולן נאָמען, נאָר גאָר פּשוט. אַזוי האָט ער געזאָגט רופט מען אים. און ער וויל ניט מען זאָל צופיל נוצן זיין נאָמען, ווייל אַ נאָמען קען מען אַזוי לייכט ניט קריגן...

אָט דער ש. פּ. איז געווען נאָך קאַרגער ווי ניט לאָזן נוצן זיין נאָמען, ער האָט אפילו קיינעם ניט געלאָזט ניצן זיין טיר און שוועל, דערפאַר טאַקע, איז קיינער צו אים ניט אַריינגעקומען. נאָר איך האָב אים געקענט, ווייל ער פלעגט אַריינקומען צו מיר.

איינמאָל איז אַוועק אַ וואָך צייט ווי ש. פּ. האָט מיך ניט באַזוכט. ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען זיין טיר האָב איך דער־הערט אַ שטילן קרעכצן. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און בין אַריינגעגאַנגען. געטראָפן האָב איך דעם ש. פּ. ליגנדיק איינעם אַליין פאַרהונגערט, פאַרפינסטערט, ניט קענעדיק כאַפּן דעם אָטעם, אויף שטום לשון האָט ער בא מיר געבעטן אַ ביסל וואַסער.

איך האָב אים געגעבן אַ ביסל וואַסער. און מיט די לעצטע כחות האָט ער זיך געווענדעט צו מיר: „האָב רחמנות, ראַטעווע מיך, איך בין פאַרביי! זשאַלעווע ניט קיין געלט, אַבי לאָז מיך ניט שטאַרבן“,

אז איך האָב דערהערט די ווערטער, בין איך מיר גלייך אַרונ־טער צום דראָגיסט, אַרויפגענומען צוויי באַטלס מאַגנעזיע, א גלאָז קאַסטאָר־אויל מיט א גרויסע באָקס עקס־לאַקס...

עס און טרינק, ברודער, — האָב איך אים א קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, און דערביי געגאָסן אים אין האַלז אַריין די קאַסטאָר־אויל.

ער האָט אויסגעטרונקען, אָבער נאָכדעם האָט ער זיך שטאַרק פאַרהוסט, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען אַז דער בחור האָט א קאָלד. איך בין מיר גלייך אַרונטערגעלאָפן צו מיין באַרבער אַרויפגע־שלעפּט אים בּאַ דער טשופּרינע, און א זאָג געטאָן קורץ און שאַרף: „האַק, ברודער, באַנקעס".

נאָכדעם ווי ער האָט אים אַרויפגעהאַקט זעקס און זעכציק באַנקעס, האָב איך דערזען ווי דער בחור האָט געעפנט די אויגן, האָב איך טאַקע ניט פאַרלאָרן מער קיין צייט, נאָר ווידער אַרונ־טערגעלאָפן צום דראָגיסט, גענומען א מאָסטאַרד מיט א באַטל אַלקאָהאָל און ווידער זיך גענומען צו אים. צוגעלייגט די מאָס־טאַרד צום הארצן, און איינגעריבן גוט מיט די אַלקאָהאָל, האָב איך דערזען ווי דער בחור לעבט אָפּ און ער האָט שוין אפילו אָנגעפאַנ־גען צו ריידן צו מיר, פרעגנדיק: „וויפיל קאָסט דער גאַנצער פאַר־גענינן?"...

איך האָב אים בארויקט, „זאָרג זיך ניט, דו וועסט מיר באַ־צאָלן, אבי דיין לעבן איז געראַטעוועט".

ער האָט צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ און האָט מיר אָנגעוויזן אַז אים איז שוואַך אונטער'ן האַרצן. האָב איך גלייך פאַרשטאַנען אַז אים ציט שוין אונטער'ן האַרצן, ווייל ער פילט בעסער, וויל ער עסן.

בין איך ווידער אַרונטערגעלאָפן אין גאַס, אַרויפגענומען א פונט פּאָמפּערניקל, א האַלב פונט לעבער, א פונט סטייק, צוויי פונט פּאָטייטאָס, און מיין מיסעס האָט דעם בחור געמאַכט א דינער ווי פאַר א קיסר. איך האָב אים געגעבן דאָס עסן, זע איך ווי דער בחור פאַרוואַרפט מיט'ן קאָפּ, האָב איך אים באַלד באַרו־איקט: „שאַ, ערגער זיך ניט, וועסטו פאַר די פּאָטייטאָס ניט באַצאָלן".

האָט ער גלייך געעפנט די אויגן און איך האָב אים ווידער גענומען קאָרמענען. ווען ער האָט אָפּגעגעסן, האָב איך אים גע־געבן צו פאַרטרינקען צוויי גלאָז טיי מיט מאַלינעס, גוט איינגע־דעקט, און אים געלייגט שלאָפן.

דער בחור האָט אָבער ניט געקענט איינשלאָפן און האָט אָנ־געפאַנגען ריידן צו מיר ווי פון היץ: „איך בעט דיך, זאָג מיר וואָס האָט דאָס געקאָסט? געוואַלד מיין געלט. מערדערס! וואָס האָט איר צו מיין געלט?...

איך האָב אים גענומען גלעטן ווי אַן אייגן קינד: „שאַ, באַ־רואיק זיך, די גאַנצע געשיכטע קאָסט דיר ניט מער ווי צען דאָלער מיט זיבעציק סענט.„

„צען דאָלער מיט זיבעציק סענט?—האָט ער אויסגעגלאָצט אויף מיר אַ פּאָר אויגן, ער האָט אַ ציטער געטאָן אונטער מיינע הענט, און פאַרמאַכט די אויגן אויף אייביק.

אָט אַזוי האָט ער מיר אָנגעפייפט און ער האָט מיך געלאָזן מיט אַ נאָז. נו, ניי טו אַ טובה אַ קאַרגן...

אַ לענדלאָרדס מזל

דער לענדלאָרד, מיסטער שטיינהאַרץ, איז אַ וואָרטסמאַן, וואָס האַלט זיך אימער באַם ערשטן — צו קאָלעקטן רענט.

און ווי אַלעמאָל האָט ער פּונקט דעם ערשטן אָנגעקלאַפּט אין טיר פון מיסיס וויינשטיין און פאַרלאַנגט רענט פאַר'ן מאָנאַט.

—איך האָב ניט — האָט זיך די מיסיס וויינשטיין אַנטשולדיקט — מאָרגן, אַז מיר'ן לעבן, ברײנגט מיין מאַן „פּיידע", וועט איר קריגן רענט.

מיסטער שטיינהאַרץ האָט פאַרקרימט זיינע גראָבע ליפּן און אַ בורטשע געטאָן אַליין צו זיך: — נאַ דיר אַ גוטן אָנפאַנג. דאָס וועט מיר שוין אַזוי גיין היינט ביז'ן טאָפּ פלאָר. — און ער האָט זיך געווענדעט צו מיסיס וויינשטיין:

—איר הערט, אָבער מאָרגן וויל איך זיכער רענט. איך קען ניט האַלטן אין איין לויפן... פאַרשטייט איר מיך? די רומס האָבן די וועדרע 40 דאָלער. צאָלן צאָלט איר מיר 32, דאַרף איך נאָך לויפן צוויי מאָל דאָ צו קריגן די פּאָר גראָשן! און מיט אַ קלאַפּ אין טיר איז ער אַוועק אַהיים.

מרס. וויינשטיין האָט באַלד איבערגעגעבן איר שכנה די נייס אַז דער לענדלאָרד האָט געגעבן אַנצוהערעניש וועגן אַן אַכט־דאָלערדיקן רייז אויף די רומס.

די שכנה, מרס. קוגלטאָפּ, האָט באַלד אריבערגעטראָגן די נייס צו מרס. קאַץ, אַז דער לענדלאָרד האָט געבעטן בא מיסעס וויינשטיין אַכט דאָלער אַ רייז...

מיסעס קאַץ האָט באַלד פאַר זיך געמאַכט אַ רעכנונג: אַזוי ווי זי צאָלט פאַר די זעלבע רומס נאָר 28 דאָלער, הייסט עס, אַז זי וועט קריגן אַ רייז פון 12 דאָלער... אויף אַ פלאָר העכער איז באַלד אריבערגעטראָגן געוואָרן די נייס, אַז דער לענדלאָרד האָט געבעטן אַ רייז פון 12 דאָלער אַ מאָנאַט.

דער פלאר העכער האט אריבערגעטראגן די נייס אויפ׳ן העכערן פלאר, און דער רייז האט שוין דערגרייכט צו 18 דאלער. און נאך מיט א פלאר העכער איז שוין דער רייז געווארן צו גאנצע צוואנציק דאלער פון יעדער טענענט. און ווער עס וועט ניט געבן וועט שטיין אין גאס.

ווען די נייס איז צוריקגעבראכט געווארן צו מיסעס וויינשטיין האט זי זיך געמאכט הארץ און האט באלד געלאזט וויסן די שכנים, אז זי וועט קיין צוואנציק דאלער ניט געבן, — ווען דער לענדלארד זאל אפילו צעפלאצט ווערן. „דאס העכסטע“, האט זי גע׳טענה׳ט צו די שכנים, „דארפן מיר רייזן 5 דאלער“.

די שכנים האבן באלד פאררופן א מיטינג צווישן זיך, געדונגען זיך און דעבאטירט, ביז עס איז פארגעשלאגן געווארן — ניט צו רייזן מער ווי פינף דאלער. און אויב עס וועט שוין האלטן בא שטיין אין גאס, זאל מען אים דעו לייגן נאך א מכה (דאס הייסט נאך א דאלער), האט א טענענט אמענדירט. און אזוי איז עס דורכגעגאנגען.

אויף מארגן, ווען מיסטער שטיינהארץ איז ווידער געקומען נאך רענט, האט זיך מיסעס וויינשטיין באטראכט, אז צו געבן אים גלייך די פינף דאלער איז ניט קיין פלאן, ווייל ער איז א לענדלארד און וועט וועלן מער. האט זי זיך אנגענומען מוט און מיט א שטאלצער מינע צוגעטראגן אים 35 דאלער, דאס הייסט ניט מער ווי דריי דאלער א רייז...

מיסטער שטיינהארץ האט איבערגעציילט די געלט איין מאל און א צווייטן און האט ניט געקענט באשליסן בא זיך וואס צו טאן מיט די איבעריקע דריי דאלער: אפגעבן דאס אדער ניט? די קאלירן אין פנים האבן זיך אים גענומען בייטן, און ער האט אנגעפאנגען צו ווארפן מיט די אויגן פונ׳ם געלט אויף מיסעס וויינשטיין און פון מיסעס וויינשטיין אויפ׳ן געלט.

זי איז געשטאנען אין ווינקעלע פון קיטשן און קוקנדיק, ווי ער שלאגט זיך נאך מיט דער דעה, צי ער זאל נעמען א דריי־דאלערדיקן רייז אדער ניט, איז זי ארויס פון געדולד און זיך צעשריען.

—וואָס מיינט איר זיך עפּעס: מיר וועלן אייך אָנשטאָפּן מיט געלט? פאַר אזעלכע דריי לעכער 35 דאָלער איז אייך נאָך קנאַפּ? איר קווינקלט זיך נאָך צי איר זאָלט דאָס נעמען? דריי דאָלער א רייז איז ניט גענוג?

די שכנים האָבן באַלד דערהערט די מלחמה פון מיסעס וויינשטיין מיט'ן לענדלאָרד און האָבן באַוואונדערט איר מוט. און אזוי ווי דער לענדלאָרד איז נאָך געשטאַנען צעטומלט, האָט זיך מיסעס וויינשטיין גענומען קלאַפּן אין טיש:

—ווען איך זאָל אַפילו וויסן, אַז איך וועל מוזן שטיין אין גאַס, קריגט איר ניט מער א צעבראָכענעם סענט!

דער לענדלאָרד האָט זי אָנגעקוקט, צוזאַמענגעוויקלט דאָס געלט און ווי שטענדיק, אָן א „גוד־באַי“, ארויס פון הויז.

א צופרידענע האָט מיסעס וויינשטיין באַלד אָנגעזאָגט פון איין שכן צום צווייטן איר גוטן איינפאַל וואָס זי איז ניט באַלד ארויסגעשפרונגען מיט א פינף דאָלער רייז, און עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַז ער האָט צוגענומען דריי אויך.

— — — — — — — — — — — —

אין אָוונט, נאָך דעם ווי מיסטער שטיינהאַרץ האָט קאָלעקטעט בא אַלעמען רענט, און טאַקע מיט א דריי־דאָלערדיקן רייז האָבן זיך די טענענטס צוזאַמענגעקליבן און באַשלאָסן צו קויפן א מתנה מיסעס וויינשטיין פאַר איר „קלוגער“ שטיקל ארבעט.

אַ קראַנקע שטעטל

כאַפּט מיך אָן אַ איד אינמיטן הוסטן באַ דעם לייק אין לייק־וואוד, און הוסטנדיק הויבט ער מיר אָן צו דערציילן :

— איר הערט, — האַלט ער זיך מיט איין האַנט באַם האַרצן און מיט דער צווייטער מיר פאַרן מאָפּל, — פאַרברענט זאָל ווערן אַמעריקע אין דער היים אַז איינער האָט געקריינקט איז דאָס געווען אַ פאַרגעניגן, פראַנק און פריי. דאָ, אין דער פרייער אַמעריקע, אַז איך דאַרף אַ הוסט טאָן, מוז איך זיך באַהאַלטן, באַגראָבן פון מענטשן

אָט בין איך געפאָרן צוזאַמען מיט צענדליקער מענטשן אין לייקוואוד, יעדער איינער האָט געהוסט אַף זיין שטייגער, איינער האָט זיך געכאַפּט פאַר! בויך, אַ צווייטער באַם זייט, אַ דריטער פאַרן האַרצן, אַ פערטער איז זיך פאַרגאַנגען ווי אַ חזן צו כל־נדרי. זיינען זיי אָבער נאָר געקומען אין לייקוואוד איז שאַ שטיל : מען הערט פון זיי קיין פאַרע ניט מיינט איר דאָך, זיי האָט געסטאַפּט דער הוסט ? הויבט זיך גאָר ניט אָן ! הוסטן — הוסטן זיי, נאָר אין געהיים קיינער זאָל ניט וויסן, שטיקן אים אין זיך.

אָט, למשל, שטיי איך אין אַ פּלאַץ מיט פינף און דרייסיק באָרדערס. פרעגט יעדן באַזונדער צוליב וואָס ער איז געקומען ? און ער וועט אייך ענטפערן, אַז ער איז געזונט ווי אייזן, איז געקומען נאָר פאַר פאַרגעניגן, כאָטש פון אַלע פּנים׳ער קען מען לעזן, אַז דער האָט אַ „קאָלד“ און דער איז נאָך אַן אָפּעראַציע און האָט אַסטמע און דער האָט אַ שוואַכע האַרץ, און יעדער איינער האָט אַ „בראַק“ אין זיך. דאָך שעמט מען זיך צו זאָגן, אַז מ׳איז קראַנק און מ׳מאַטערט זיך מיט די לעצטע כחות צו זיין געזונט.

דערפאַר אָבער קומט ביינאַכט, איז ניט אויסצוהאַלטן. כאַפּט מען זיך אריין באַ יעדן אין רום, צעשפּילט זיך דער אָרקעסטער.

גרויס און קליין, אַלע הוסטן ! איינער פאַנגט אָן און אַ צווייטער ענטפערט. קומט אינדערפרי, צו ברעקפעסט, שרייט יעדער איינער איך האָב ניט געקענט צומאַכן אַן אויג. די „הוסטערס" האָבן מיר צעקלאַפּט מיין קאָפּ.

נאָר מילא, שעמט מען זיך מיט אַ קראַנקהייט איז נאָך פאַראַן אַ שטיקל ת רוץ, אַ בחור וויל קריגן אַ מיידל ; פאַרקערט, אַ מיידל — אַ בחור, אַ עלטערער וויל זיך גלאַט ניט איינריידן קיין קריינק אין בויך. אָבער צו וואָס מענטשן דאַרפן זיך אומזיסט בארימען און זיך איינריידן נייע קריינק ? דאָס הויב איך גאָר ניט אָן צו פאַרשטיין.

הערט אַ שפּאַס — האָט זיך דער איד גוט אויסגעהוסט, און איך האָב אים אַרויסגעהאָלפן, — יעדער פרוי, וואָס איך האָב געפרעגט וואָס טוט איר מאַן, האָט זי געענטפערט : — אַ דאָקטאָר אָדער אַ דענטיסט, נאָר אַזוי ווי איך בין אַ שוואַכער מענטש און האָב ניט קיין כח צו שפּאַרן זיך מיט זיי, בלייבן זיי בא דאָס זייעריקע.

דערציילט מיר אַ ווייבל, וועלכע האָלט זיך פאַר אַ גאַנצן קאַזאַק, נאָר ווען ניט ווען הוסט זי אין קולאַק אריין — מיין מאַן איז אַ דאָקטאָר און ער קומט נעקסטן וואָך אין זיין מאַשין אַהער מיר וויזיטירן.

אַ צווייטע ווייבל, וואָס האָט דאָס אונטערגעהערט, האָט גלייך געפונען פאַר נויטיק מיר צו לאָזן וויסן, אַז איר מאַן איז אַ פּראָפעסאָר אין אַ קאָלעדזש און ער קומט זי באַזוכן אין אַ לופט־שיף.

נעקסטע וואָך זיינען געקומען ביידנס מענער און ביידע מענער קענען זיך גאַנץ גוט איינע די אַנדער,ע ארבעטן צוזאַמען אין אַ פענטס־שאַפּ און די ווייבער האָבן דאָס נאָר ניט געוואוסט, אַז ניט בלויז קאָנען זיך זייערע מענער, נאָר איך קען זיי אויך גאַנץ גוט, נאָר אַזוי ווי די פרויען זיינען געווען קראַנק, האָבן די פאַמיליעס זיי אַרויסגעהאָלפן צו פאָרן אין לייקוואוד. אַלזאָ, וואָס זאָל איך אייך דערציילן, די פרויען האָבן זיך פאַר שאַנדע אַזוי צע'חלש'ט, אַז דער „דאָקטאָר" און „פּראָפעסאָר" האָבן זיי קוים אָפּגעמינטערט.

נו — האט מיר דער איד א קלאפּ געטאָן אין פּלייצע, — איז דאָס ניט א מאָדנע שטעטל ? ניט געזנוג וואָס יעדער איינער איז קראַנק, רעט מען זיך נאָך איין נייע „קריינקס" דערצו . . .

מיר האָבן זיך כיידע גוט אויסגעהוסט און אוועק ווידער שפּילן די ראָליע פון געזונטע מענטשן . . . און זיך ווערגן מיטן הוסט.

אין אַ פינסטערער וועלט

פינף קיילעכדיקע יאָר האָט משה מאָטל כסדר פאַרבראַכט אין אַ „פּאַלאַץ" אויף טשערי סטריט און ניט געטראַכט פון מופן פון איין זייט איז געווען אַ שטאַל און פון דער צווייטער זייט אַ קוזניע און אין מיטן אונזער 90 פונטיקער משה מאָטל מיט זיין פאַמיליע.

פאַר די שכנים אַרום הויז איז ער שוין געווען גוט באַקאַנט. פלעגט אָבער אַ פרעמדער זיך באַווייזן און דערזען משה מאָטלען האָט ער אים באַטראַכט ווי אַ בייז וואונדער. גלויבט מיר, ס'איז געווען וואָס צו באַטראַכטן: אַ זעקל מיט ביינער אויף צוויי סלופּ־קעס, מיט אַ פּאָס איבערגעבונדן. אַזוי ווי גאָר קיין מענטש ניט זיין גליק איז נאָר, וואָס ער האָט קיין מאָל קיין צייט ניט צו גיין איבער די גאַסן.

ווי אַלע קבצנים האָט אויך משה מאָטל איין שטיקל ווייב בלויז. און טאַקע אַ שטיקעלע ניט מער. בלינד איז זי אויף אַ הויג. הינקט אויף אַ פוס און דערצו נאָך אַ קראַנקע, אַ שוואַכע, ניט פאַר קיין מאַן געדאַכט . . .

זעט איר דזשאָבס האָט שוין גראָדע משה מאָטל צוויי. אָבער אַ לעבן מאַכן ? גאָט זאָל היטן. צו דעם מוז ער זוכן עפּעס אַנדערש.

דערפאַר טאַקע האָט משה מאָטל געמוזט זיך שטיקן אין דריי פינסטערע רומקעלאַך אין די בעק.

און טאָמער האָט אים שוין גאָט געבענטשט מיט פיר קאַראַ־פּוזיקלאַך, איז זיי טאַקע ניט געווען וואו אוועקצולייגן.

איז איינע געלעגן אין מאָזלען, אַ צווייטע אין סקאַרלעט פיבער, אַ דריטע מיט זומער פּאָקן, און די ברעקעלע מיט דער מאַמען אין בעט.

און דעם אמת זאַגנדיק, איז מיט דער מאַמען אַליין אויך געווען אַ שטיקל נס, וואָס שטענדיק, אין די פינף יאָר, וואָס זיי זיינען פאַרהייראַט, איז אָדער זי איז געלעגן קראַנק, אָדער אין קינדבעט . . . ווען ניט, איז איין גאָט ווייסט, וואו זי וואָלט שוין היינט געלעגן . . .

משה מאָטל איז שוין אָבער אַזוי געוואוינט געוואָרן צו זיינע צרות, אַז ער האָט שוין שיעור ניט געדאַנקט גאָט דערפאַר.

איין מאָל בלויז האָט משה מאָטל יאָ עפּעס אַ טראַכט געטאָן פון מופן.

געווען איז דאָס, ווען משה מאָטל איז געקומען אַהיים נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין שאַפּ, זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און ערוואַרטעט זיין סאַפּער. האָט ער געוואַרט און געוואַרט און קיין סאַפּער עסן האָט אים זיין שטיקל ווייב ניט דערמאָנט.

משה מאָטל איז אַרויס פון די כלים און האָט זיך צעשריגן:

„חנה פייגע, נו? האָסטו גאָר ניט וואָס צו עסן?

— שוין ווידער עסן? — איז חנה פייגע צעשראָקן געוואָרן און גענומען אַרונטערקריכן פון בעט. האָסט דאָך נאָר וואָס אָפּגעגעסן.

— ווער? וואָס? — האָט גענומען ציטערן דער זאַק פון די ביינער אויף משה מאָטלען — איך גיי דאָך ערשט אַריין פון שאַפּ.

חנה פייגע איז אַרונטערגעקראָכן פון בעט, דורכגעזוכט אַלע טעפּלאָך און זיך צעשריען, ווי ניט מיט איר קול: „משה מאָטל. עס איז אַ בראָך צו דיר מיט דיין סאַפּער, דער פענסטער — האָט זי אים אָנגעוויזן, — איז געווען אָפן, האָט דער פערד פון שטאָל אַריינגערוקט די קאָפּ אין קיטשן און אויפגעפרעסן אַלעס, וואָס איז געווען פאַר דיר, און איך, פינסטער איז מיין וועלט, בין געלעגן אין בעט און געמיינט, אַז דאָס ביסטו און דו עסט סאַפּער.

אַ הונגעריקער איז געזעסן משה מאָטל דעם גאַנצן אָוונט און געטראַכט ווי קען מען פּטור ווערן פון די פינסטערע רומס?

חנה פייגע גראָדע האָט שוין מער געערדט פון מופן, און איין מאָל גאָר געסטראַשעט משה מאָטלען, אַז ווען זי וואָלט ניט אויפן סטופ, וואָלט זי זיך זיכער אַרויסגעוואָרפן דורכן פענסטער.

און זי וואָלט געהאַט רעכט אויך:

נאָכדעם, ווי איר משה מאָטל האָט אָפּגעאַרבעט סטעדי אַן אַ סטאַפּ גאַנצע דריי וואָכן פאַר יום טוב, האָט זי אים אַ בעט געטאָן צו מאַכן אַ שטיקל טאָלק אין הויז. ביי לייטן — האָט זי גע'טענה'ט — קויפט מען אויף יום טוב נייע מעבל. דו וועסט דאָך מיר ניט קויפן, טאָ קויף כאָטש אביסעלע „וואָרניש" פאַר די פאָרניטשור און אביסל פּאָליש פאַר דעם אייוון. לאָמיר אויך ווייסן פון אַ לעבן...

משה מאָטל האָט געזען, אַז זי איז גערעכט, האָט ער גלייך זיך באַזאָרגט מיט פאַרבן און אַזוי גיך ווי ער האָט געסטאָפּט דעם ערשטן טאָג פון דער אַרבעט, האָט ער זיך גענומען צו פאַרבן אין קיטשן.

אויף דער נאַכט, ווען חנה פייגע איז אַרונטער געקראָכן פון בעט און אָנגעצונדן די געז פאַר סאַפּער, איז זי שיער אין חלשות געפאַלן. אין דער פינסטערניש האָט משה מאָטל אָפּגעפאַרבט דעם טיש מיט די אייוון־„פּאָליש" און דעם אייוון מיט די „וואָר־ניש" . . .

זיין גליק איז געווען, וואָס איר רעכטע האַנט איז אַ ביסל געליימט, דערפאַר האָט דאָס טעפּעלע ניט געטראָפן אין אים, ווען ניט וויים נאָך איין גאָט, וואָס פון דעם זעקל־ביינער וואָלט געוואָרן.

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען לעצטנס, ווען ביידע, סיי משה מאָטל און סיי חנה פייגע האָבן באַשלאָסן צוזאַמען, אַז מ'מוז מופן . . .

געווען איז דאָס, ווען חנה פייגע איז מיט מזל געלעגן געוואָרן און משה מאָטל איז געווען די וואָרטס־פּרוי, די קעכין, דער דאָק־טאָר און דער טאַטע, אַליין האָט ער געראַפּט קאָכן, און אַליין וואַשן. יעדן טאָג האָט משה מאָטל צוגעשטעלט קאָכן איין טאָפּ וואַסער פאַר סאַפּער, אַ צווייטן פאַר וועש ,אַ דריטן פאַר באָדן דאָס קליינינקע און אַלץ איז שוין באַ אים געגאַנגען ווי געשמירט.

נאָר איין טאָג, ווען משה מאָטל האָט צוגעטראָגן די ביסל זופּ דער קינטבעטאָרן און אַליין זיך אָווקגעשטעלט וואַשן די וועש, האָט ער פּלוצלינג אַ געשריי געטאָן, ווי דאָס האַרץ וואָלט זיך ביי אים אָפּגעריסן.

— חנה פייגע, חנה פייגע! דו האָסט ביים קינד אַ פּאָלקע אָפּגעריסן! אָט ליגט אין אַ עמדל די שטיק פליש, וויי איז מיר!

ווען מענטשן זיינען זיך אָנגעלאָפן אין הויז און אָנגעצונדן די געז, האָט משה מאָטל דערזען דעם חורבן, וואָס ער האָט געמאַכט: דאָס בערטל עוף פאַר דער קינדפּעטאָרן האָט ער אַריינגעלייגט אין די וועש און אַ שמוציגע העמדעלע אין די זופּ.

אַזוי האָט ער די עוף מיט די וועש אַריינגעגאָסן אין וואַשטאָפּ און די זופּ מיט דער עמדעלע געגעבן דער ווייב עסן.

נאָך דעם קינדפּעט זיינען משה מאָטל און חנה פייגע דערהייבן געוואָרן. זיי האָבן גלייך געמופּט אויף אַ זעקסטן פּלאָר.

קאַרטן . . .

מיסטער שווארץ איז געווען א דאר מענטשל און אפשר גאָר קיין מענטש ניט, נאָר א דארער, שווארצער שטעקן פון וועמעס קעפּל האָבן ארויסגעקוקט צוויי צושראקענע אויגן, ווי פון א ווילדער קאַץ.

די גאנצע וועלט האָט ער געהאַט אין דער רעד, קיין זאַך האָט אים ניט אינטערעסירט, איז ער געזעסן אין דריי פינסטערע רומס אויף א פערטן פלאָר און געשפּילט אין קאָרטן. טאָג און נאַכט, יעדע פרייע מינוט, וואָס ער האָט געהאַט נאָך דער ארבעט, האָט ער פארשפּילט אין קאָרטן, און ניט נאָר זיך אליין, נאָר אויך זיין פרוי און קינדער האָט ער איינגעשפּאַנט אין דער „גיים".

די פרוי פלעגט האַלטן אין איין ראַמען די אַש פון טיש מיט די אָנגעוואָרפענע סיגאַרעטלאַך עס זאָל זיין באקוועמער צו שפּילן. די קינדער פלעגן ווארפן אויגן ביי די איבעריקע שפּילער ארום טיש, וואָס זיי האָבן פאר א קאָרטן און דורך סמנים לאָזן וויסן דעם טאַטן ער זאָל וויסן ווען אריין. און ווען ארויס . . .

אזוי האָט מיסטער שווארץ געשפּאַרט א דאלער. און טאַטער זיינען אמאָל אזוי גיך ניט צוזאַמענגעקומען די „תהלים־זאָגער", ווי ער פלעגט זיי אָנרופן. האָט ער גלייך א סקריפּע געטאָן די וועש־ליין, וואָס האָט געדינט פאר א טעלעפאָן דעם שכן, אז ער איז אין הויז און איז „רעדי פאר ביזנעס" . . . און טאַטער איז דער שכן ניט געווען אין הויז, האָט מיסטער שווארץ זיך ניט געפוילט און פלעגט אריינלויפן צו א מיטינג לאָקאַל פון זיין יוניאָן און אין פינף מינוט איז געוואָרן פול זיין הויז, און ליידיק דער מיטינג לאָקאַל . . .

אזוי האָט זיך מיסטער שווארץ געפירט זיינע אלע יאָרן ביז זיינע קינדער זיינען אויפגעוואַקסן און גענומען פּראָטעסטירן מ'זאָל

זיך ארויסציען פון די איסט־סייד, און די מאמע אליין האט זיי טאקע ארויסגעהאלפן — און מען האט געמופט אין פיר שיינע רומס. ..

היינט גייט ארום מיסטער שווארץ ווי א שטן, די ווילדע אויגן זיינען שטענדיק פארלאפן מיט טרערן, דער פנים איז געווארן נאך שווארצער און ווען ניט זיין שטענדיקן ווארפן מיט די ליפן וואלט מען געמיינט, אז דאס דרייט זיך ארום א שטעקן פון א מכשף.

די הויפט צרות ליידעט אבער איצט די פרוי, ווייל ניט האבנ־דיק וואס צו טאן, לאזט ער אוים כל חמסו צו איר קאפ.

איז ווי נאר ער קומט אריין פון דער ארבעט, הערט די פרוי יערן טאג די זעלבע רייד — דיר האט פארדראסן, אז דו האסט געוואוינט ווי א מענטש . . . האט זיך דיר פארוואלט בראנקס. טא נא דיר א בראנקס, קיין לעבעדיקער מענטש קומט ניט אריין אין הויז, קיין שפיי טאן אויפן פלאר טאר מען ניט, א שטיקל פייפער דורך א פענסטער ארויסווארפן טאר מען ניט. אפילו די וועש ליין נאך צען ביינאכט, טארסטו ניט א מוף טאן . . . און פון אויסריידן א הויך ווארט אדער א גראב ווארט, איז דאך אפ־גערעדט . . . נאדיר א פריזאן אויף מיינע אלטע יארן — צע־וויינט ער זיך ווי א קינד און צעברעכט דערביי א צוויי, דריי טעלער פאר כעס, מיט דער האפנונג, אז דאס וועט אפשר זיין די אורזאכע די ווייב זאל אים צורייד̇ן צו מופן צוריק אין דער איסט סייד.

און איצט, אז מיסטער שווארץ סטאפט פון דער ארבעט, גייט ער דאס ערשטע ווארפן א בליק אויף זיין אלטע וואוינונג, אפשר היינגט שוין א „טו־לעט“.

משנה מקום משנה מזל

מיסטער גרין האָט פאַרמאָגט אויף בראָדוויי א ריזיקע קלאָוקס־שאַפּ, א גאַנצן בלאָק די גרויס, און כדי צו קענען גוט אכטונג געבן אויף זיינע שקלאַפן, האָט ער געהאַט צו זיך א פאָרמאַן, וואָס ווען ער איז געשטאַנען לעבן די פּרעסער אויף מוירסער סטריט, האָט דער פאָרמאַן דערוויי׳ל געדאַרפט אכטונג געבן אויף די אפּערייטאָרס אין בראָדוויי.

ווען מיסטער גרין האָט געדאַרפט האָבן הענט צו דער אַרבעט, פלעגט ער אויסהיינגען צוויי סיינס, איינע אויף בראָדוויי און איינע אויף מוירסער סטריט און אזוי האָט ער וואָס־גיכער געקראָגן הענט.

איין פרימאָרגן האָט מען געדאַרפט אפּערייטאָרס און באַלד איז שוין געהאַנגען סיינס, וואָס דזשייק ד׳ער אפּערייטאָר האָט דאָס באַלד דערזען אַרוממאַרשירנדיק איבער מוירסער סטריט, זוכנדיק א דזשאָב.

דזשייק איז אַרויפגעקומען אין שאַפּ און דער באָס האָט אים באַלד אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, און גענומען אים פרעגן פראַגן:

— ביזטו א יוניאָן־מאַן ? — האָט מיסטער גרין גענומען אים קריכן אין האַרצן — האָסטו א ווייב ? קינדער ? קענסטו שנעל אַרבעטן ? ביזטו אפשר א לינקער ? וואָוסטע פאַר די רעפּוב־ליקאַנער, צי די דעמאָקראַטן ? גלייכסטע צו אַרבעטן אָווערטיים ?

דזשייק איז געשטאַנען מיט צעשרויפטע נערוון ביז ווי א טי־גער, און ניט קענענדיק זיך מער קאָנטראָלירן, האָט ער זיך צעשריען ווי ניט מיט זיין קול, — פאַרברענט זאָלט איר ווערן מיט דעם שאַפּ אינאיינעם, איך האָב אייך טיף טייער אין דר׳ערד מיט אייער דזשאַב.

דזשייק האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם עלעווייטאָר און איז גיך ווידער אַרונטער אין גאַס אַריין צו זוכן נייע סיינס. און גייענדיק צו בראָדוויי, האָט ער דערזען די צווייטע סיין, וואָס מיסטער גרין האָט אויפגעהאַנגען און ניט וויסנדיק צו וועמען דאָס געהערט איז דזשייק אַרויף צו דער אַרבעט.

דער פאָרמאַן, ניט וויסנדיק פון קיין זאַך, האָט דזשייק'ן אַוועקגעזעצט צו דער אַרבעט און איז געווען גוט צופרידן פון אים.

פאַרנאַכט, ווען דער באָס האָט דורכגעשפּאַנט די גאַנצע שאַפּ איז ער שטיין געבליבן לעבן דזשייק'ס מאַשין, ווי פּאַראַליזירט, דערזעענדיק אים אַרבעטן אין זיין שאַפּ. ווען ער איז אַביסל צו זיך געקומען, האָט ער אָנגעפאַנגען צו שטאַמלען:

— דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו האָסט מיך אין דר'ערד מיט דעם דזשאָב אינאיינעם.

— יעס, — האָט אים דזשייק געענטפערט מיט אַ שפּאָס נאָך דער איבעראַשונג, — אין מוירסער סטריט האָב איך טאַקע דעם דזשאָב אין דר'ערד מיט אייך אינאיינעם אָבער אין בראָדוויי איז ניט שלעכט צו אַרבעטן פאַר אייך.

טייער באַצאָלט

נאָך א זוכעניש פון צוויי יאָר מיט ציווי מאָנאַטן מיט צוויי וואָכן מיט צוויי טעג איז מיסעס קאָהן געקומען צו איר מאַן מיט א סורפּרייז אז זי האָט שוין געפונען רומס און טאַקע מיט אַלע אימפּרואוומענטס, נאָר בלויז איין קליינער חסרון — הויכע רענט.

זי האָט זיך אָבער באַלד צוריקגעכאַפּט און בארואיקט איר מאַן: „ניט געזאָרגט, איך וועל שוין זען ,אַז אונז זאָל קאָסטן ביליג רענט אין צו דערזעלבער צייט זאָלן מיר וואוינען ווי מענטשן.

זיי האָבן זיך אריבערגעצויגן. גלייך דעם ערשטן טאָג האָט מי־סעס קאָהן פאַררענט די בעד־רום צו צוויי מיידלאַך פאַר 20 דאָ־לער א מאָנאַט.

מיט א טאָג שפּעטער האָט מיסטער קאָהן געבראַכט זיינעם א פריינד א בעקער, וואָס שלאָפט בייטאָג און פאַררענט אים די בעד רום צו שלאָפן פון אכט אין דער פרי ביז דריי פאַרנאַכט פאַר צוועלף דאָלער א מאָנאַט.

פאַרנאַכט האָט מיסעס קאָהן געפּאַקט נאָך א באַרדער א קאָנ־דוקטאָר וואָס האָט געהאַט צייט צו שלאָפן פון דריי בייטאָג ביז אכט ביינאַכט און פאַררענט אים די בעד־רום פאַר 10 דאָלער א מאָנאַט.

מיסעס קאָהן האָט שוין געטאָן אַלצדינג, אז איינער פון צווייטן זאָל ניט וויסן. נאָר טאָמער האָט זיך איינער פון די באָיעס באַ־קלאָגט, אז זיי געפינען צו אָפט פרויען־האָר אַנגעוואָרפן אין בעט מיט באַקסלאַך שמינקע, פּוידער און קאָרסעט בענדלאַך אַנגעוואָרפן אַפן דרעסער, פלעגט זיי מיסעס קאָהן בארואיקן אז דאָס איז אירע זאַכן און זי האָט דאָס געכאַפּט א דרעמל אין זייער בעט, ווייל דאָרטן איז זייער שטיל צו שלאָפן.

און טאָמער האָבן אַמאָל די מיידלאַך פּראָטעסטירט, אַז זיי געפינען גאַנץ אָפט אָנגעוואָרפן סיגאַרעטלאַך מיט שוואַרצע מענער קאָלנערס, נעקטיים און שמוציקע העמדער, פלעגט זיי מיסטער קאהן באַרואיקן, אַז דאָס איז זיינע זאַכן, וואָס די קעצל פאַרשלעפּט זיך שפּילנדיק.

אַזוי האָב: זיך די קאָהן׳ס געפילט גליקלאַך אין די נייע רומס מיט אַלע אימפּרואוומענטס, ביז —

אין אַ שיינעם טאָג איז ערקלערט געוואָרן אַ קאַר סטרייק און דער קאָנדוקטאָר האָט באַשלאָסן צו קומען ביינאַכט שלאָפן אַהיים.

צוועלף ביינאַכט האָט ער אויפגעשלאָסן די טיר פון זיין בעד־רום און איז אַריין ווי באַ זיך אין דער היים. ווען ער איז אָבער נאָנט צוגעגאַנגען צום בעט איז ער שטיין געבליבן פאַרוואונדערט. צוויי שיינע מיידלאַך מיט בלאָנדע האָר ווי צוויי מלאכים׳לאַך האָבן פאַרכאַפּט זיין געלעגער.

ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען ווי צעטומלט און דאַן זיך באַ־טראַכט, אַז געוויס דורך אַ טעות זיינען מיר די צוויי מלאכים׳לאַך אַריינגעפלויגן אין בעט.

אָבער אויב זיי מעגן שלאָפן אין אַ פרעמדע בעט — האָט ער צו זיך געטראַכט — מעג איך דאָך אין מיין בעט געוויס שלאָפן.

האָט ער טאַקע באַלד גענומען און זיך צוגעשפּאַרט שטילערהייד ביים ברעג פון בעט און איז איינגעשלאָפן.

דער בעקער, וועלכער האָט דעם טאָג צוליב דעם קאַר סטרייק ניט געקענט פאָרן צו דער אַרבעט האָט נאָך אַ פינאָקל גיים זיך געיאַוועט אַהיים אין זיין רום צו שלאָפן אַמאָל ביינאַכט.

ווען ער האָט אָבער אָנגעצונדן די געז און דערזען אַ גאַנצע באָרדינג הויז אין זיין רום איז ער שטיין געבליבן ווי פּאַראַליזירט. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך, און גענומען באַטראַכטן צו דאָס איז טאַקע זיין רום. און דאַן איז ער געקומען צום שלוס, אַז דאָס זיינען געוויס געקומען געסט צו די קאהנס האָט מען זיי פאַר אַ נאַכט געגעבן זיין בעט צו שלאָפן.

מילא — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, שמייכלענ־דיק צו זיך אַליין — איין בחור מיט צוויי מיידלאַך איז ניט שיין,

אבער צוויי בחורים מיט צוויי מיידלאך שטימט דאס, און האט טאַקע באלד זיך צוגעשפּאַרט פון צווייטן זייט בעט און איז איינגעשלאפן.

אבער אזוי גיך ווי עס איז נאר פארשוואונדן די שטילקייט פון דער נאכט און דער גרויער פרימארגן האט זיך גענומען אריינרייסן ארום די פארהאנגען, האט זיך דער זייגער צעקלונגען מיט זיינע קלאנגען, וועקנדיק די מיידלאך צו דער ארבעט.

ווי די מיידלאך האבן צועפנט זייערע אויגן און דערזען ווי צוויי טייוואלים שלאפן ביי ביידע זייטן פון זייער בעט, האבן זיי זיך נאך העכער צולארעמט פארן זייגער און די טייוואלים האבן פאר שרעק זיך ארונטערגעקייקלט פון ביידע זייטן בעט אפן פלאר.

ווען אלע האבן זיך גוט אנגעקוקט איינע די אנדערע, האט זיך דער קאנדוקטאר צעשריען:

— וואס טוסטו דא אין מיין רום ? איך צאל דאך 10 דאלער א מאנאט פאר איר.

— וואס טוסטו דא אין מיין רום ? — האט זיך דער בעקער נאך העכער צעשריען — איך צאל דאך פאר דער רום 12 דאלער א מאנאט.

— וואס טוט איר ביידע אין אונזער רום ? — האבן זיך די מיידלאך צעקוויטשעט ווי ניט מיט זייער קול — דאס איז דאך אונזער רום, מיר צאלן צוואנציק דאלער א מאנאט פאר איר, ארויס פון דאנען גנבים, באנדיטן, איר האט זיך אריינגעריסן צו באַגנב'ענען אונזערע זאכן . . . גערוואלד ! געוואלד ! — האבן ביידע מיידלאך זיך צושריען אף די העכסטע טענער.

דער בעקער מיט דעם קאנדוקטאר האבן זיך א ווילדע צושראקן אנגעקוקט און דער בעקער האט דערלאנגט א נעם דעם קאנדוקטאר פאר די לאצן, — בחור, מיר דאכט זיך, אז דו ביזט א גנב. ווארים אז ניט, וואלט איך דיר זיכער געזען אמאל דא אין הויז.

און באלד האט גענומען דער קאנדוקטאר אויפן בעקער צו שרייען: — דו ביסט א גנב, ווארים איך וואוין שוין דא א לאנגע צייט און איך האב דיר קיינמאל ניט געזען דא.

און באלד האָט גענומען דער בעקער פלעכטן א קוילעטש פון דעם קאָנדוקטאָר, און דער קאָנדוקטאָר האָט גענומען באָמבאַרדירן מיט ניקלס דעם בעקער אין פנים אריין.

פאַר שרעק האָבן די צוויי בלאָנדע מלאכים אוועקגע׳חלש׳ט.

ווען מיסעס קאָהן האָט דערהערט פון דעם טומל וואָס קומט פאָר אין בעדרום האָט זי שטיל צעעפנט די טיר. באמערקנדיק:

— מיר דאַכט זיך אז איר קריגט זיך, אָבער אומזיסט — האָט זי זיי גענומען בארואיקן. און דערציילט זיי דעם סוד, אז אלע זיינען גערעכט ווייל זי האָט פארדונגען די זעלבע רום אלע פיר באַרדערס כדי צו האָבן ביליקער רענט.

ווען אלע זיינען געקומען צו זיך, נאָך דער מלחמה, האָבן זיי כל המתם אויסגעלאָזט צו מיסעס קאָהן.

און אין אָוונט האָט שוין מיסעס קאהן געהאַט די בעד־רום פאַר זיך אליין. זי איז געלעגן און געקרעכצט פאַר וואָס זי האָט פאַר די ביליגע רומס אזוי טייער באצאָלט . . .

פינגער צייכנס . . .

ק. פּ. איז געקומען אין אמעריקע א שניידער פון דער היים, און האָט דאָ זיך אויך באַלד גענומען צו שניידעריי.

אָפּאַרבעטנדיק עטלאַכע יאָר אין שאָפּ האָט ק. פּ. גענומען טראַכטן פון תכלית. און אזוי ווי קיין למדן איז ער ניט, קיין געלט פאַרמאָגט ער ניט, און דאָס איינציקע מיט וואָס גאָט האָט אים געבענטשט איז מיט לאַנגע פינגער און מיט א גרויס מויל, האָט ער באַשלאָסן צו ווערן א וואָקינג דעלעגאַט. און ער איז דאָס געוואָרן.

האָט ק. פּ. נאָר פאַרזוכט דעם טעם פון זיין אַן „אָפיסער", האָט קיין מאַכט אים שוין ניט געקענט פאַרטרייבן. דאָרט וואו א מענטש האָט געדאַרפט שכל האָט ק. פּ. געהאַט „לאַנגע פינגער" — צו קענען פאַרהאַלטן זיך אין דער יוניאָן מאַשין.

דאָס ערשטע האָט ק. פּ. זיך באַפעסטיקט אין זיין דיסטריקט, אויסגעקליבן זיינע מענטשן פאַר די שאָפּ־טשערלייט און — איין האַנט האָט שוין געוואַשן די צווייטע . . .

פלעגט קומען ערב עלעקשאַן פאַר בעאַמטע האָט ק. פּ. גע־וואוסט, אז ער דאַרף מיט יעדן אַרבעטער פון זיין דיסטריקט „אַריינ־שטעקן העגט", און, צווייטנס, צוזאַמענקלייבן די יוניאָן ביכלאַך און זען אז אַלע זאָלן זיין גוטשטייענד מיט זייערע דיוס, צו קע־נען וואוטן אין טאָג פון עלעקשאַן.

אזוי ווי ק. פּ. האָט אָבער ניט געקענט שרייבן און ניט לייע־נען, איז פאַר אים געווען די שווערסטע זאַך אָפּצוהיטן די ביכ־לאַך, ניט אויסצומישן זיי פון איין שאָפּ מיט א צווייטן.

דערפאַר האָט ק. פּ. זיך באַנוצט מיט זיינע לאַנגע פינגער. ער האָט אויסגעאַרבעט א פלאַן ניט צו דאַרפן זיך באַנוצן מיט קיין פען.

דער פּלאַן זיינער איז געווען: צוזאַמענצוקלייבן די ביכ־לאַך פון אַלע שעפּער און זיי אַריינשטופּן, יעדן שאַפּ באַזונדער, צווישן די פינגער, און יעדן פינגער האָט ער אַ נאָמען געגעבן נאָך אַ באָס פון אַ שאַפּ.

אַזוי פלעגט ער קומען צו לויפן אין אָפיס פון דער יוניאָן, אויסשטרעקן ביידע הענט מיט די ביכלאַך צווישן די פינגער, און אַרויסרופן צום קלוירק: „גאָלדמאַנ׳ס שאַפּ, פיינבערג׳ס שאַפּ, קאָהענ׳ס שאַפּ און אַזוי ווייטער.

דאָס זעלבע פלעגט ער אויך טאָן טראָגנדיק די ביכלאַך אויף צוריק.

צוועלף יאָר האָט ער אַזוי געדינט דעם פאָלק — ערב עלעק־שאָן . . .

ביז גאָט האָט געהאָלפן, אַז די אַרבעטער האָבן אָנגעפאַנגען אַביסל מער צו דיינקען און עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ לינקע באַ־וועגונג, וואָס גלויבט, אַז אַ פאַרשטייער אין אַ יוניאָן דאַרף אויך האָבן מאַרך אין קאָפּ, אַ חוץ גרויסע לאַפּעס, און דער טראָן פון ק. פּ. האָט זיך דעריבער אָנגעפאַנגען שאָקלען.

מער ווי אַלע מאָל איז ער פאַרצווייפלט געוואָרן ערב עלעקשאָן, דערפילנדיק די גרויסע ווירקונג, וואָס די ראַדיקאַלע גרופּן האָבן באַקומען אין די שעפּער פון זיין דיסטריקט.

דערפאַר טאַקע האָט ער מער ווי אַלע מאָל גענומען אַרבעטן צו שאַפן זיך שטימען. וואָס מער „געשטעקט הענט" מיט די אַרבע־טער און האָט אויך פאַרגרעסערט די צאָל שעפּער צו טראָגן זייערע ביכלאַך אין אָפיס איינצוצאָלן דיוס. פאַר דעם צוועק האָט ער שוין אויך יעדער קעשענע אַ נאָמען געגעבן נאָך אַ באָס, און געשלעפּט ביכלאַך אין אָפיס.

איין מאָרגן, ווען ק. פּ. איז אַזוי געלאָפן מיט די ביכלאַך אין די הענט צו צאָלן דיוס, האָט ער באַגעגנט אַ מחנה אַרבעטער פון איינעם פון זיינע שעפּער אַרונטערמאַרשירנדיק אין סטרייק קעגן זיין ווילן.

ק. פ. האָט אָבער ניט געוואָלט פאַרלירן זיין פריינטשאַפט מיט די אַרבעטער, און ווי שטענדיק זיך אַ כאַפּ געטאָן „שטעקן הענט“, דאָ אָבער האָבן גענומען פליען די ביכלאַך פון צווישן זיינע פינגער, און באַלד האָבן זיך אויסגעמישט די ביכלאַך פון איין שאַפּ מיטן צווייטן.

ווען ק. פּ. האָט פאַרצווייפלט אַריינגעלאָפן אין אָפיס און האָט אויסגעפונען אַז די אַלע מיטגלידער פון די ביכלאַך וועלן שוין ניט קענען וואוטן אין דעם עלעקשאָן ביז מ'וועט אויסגעפינען וואו זיי אַרבעטן, האָט ער פאַר כעס זיך שיער די פינגער אָפּגעביסן . . .

איצט, אַנשטאָט רופן זיינע פינגער און קעשענעס מיט די נע־מען פון די באָסעס, טראַכט ער שוין בעסער ווי צו קענען וואָס גיכער זיך אַליין רופן באָס . . .

„אונטער די בעסטע סאַניטאַרע קאָנדישאָנס"

אין קלאָדינג סענטער פון ניו יאָרק רייסט אויף די אויגן פון יעדן פאַרבייגייער א פּראַכטפולע סטאָר מיט דריי גרויסע שאָר־פענסטער, וואָס ווינקען צו די קונים צו באַטראַכטן די טייערע קליידער, ווי „טאָקסידאָס", „פול־דרעס סוטס" און אַלע איבעריקע סאָרטן קליידער, וואָס בעטן זיך צו טראָגן.

נעבן דעם ריזיקן פּרייז, וואָס איז אָנגעשריבן איבער יעדן סוט אויף א קאַרט, איז אונטערגעשריבן א באַמערקונג: „דיזער סוט איז געמאַכט אין אונזער אייגענעם שאַפּ אונטער די בעסטע סאַניטאַרע קאָנדישאָנס".

אין ברום סטריט, אויף דעם זיבעטן פלאָר פון א ריזיקער געביידע קלעטערן שניידער יעדן פרימאָרגן צו דער ארבעט.

אויף איין פלאָר איז א בעקעריי, אויף א צווייטן צום פארבן מעבל, א דריטער — פון העטס, א פערטער — מיט א פעקטאָרי פון קענדי, א פינפטער — מיט שטריקן סוועטערס, א זעקסטער — פאַרנעמט מיט פיגורס, דער זיבעטער — מיט א גרויסן שאַפּ צו מאַכן קלאָדינג.

פון די אַלע זעקס פלאָר די פאַרשידענע פאַרב־שטאָף, היץ און זויערקייט פון דער בעקעריי, די כעמישע שטאָפן פון די העטס, קענדי און פיגור־ליים, טראָגט אריין אין דעם זיבעטן פלאָר.

הונדערט און זיבעציק ארבעטער, שניידער, פּרעסער און שטעפּער, זיצן געבויגן איבער די טישן, ווערגן זיך, הוסטן און ניסן.

די לופט איז פאַרפּעסטעט, דער שטויב, ווי א זיידן־טוך שוועבט איבערן שאַפּ. בעני עפנט דעם פענסטער, דזשייק פאַרמאַכט אים. טעדי זאָגט: דער שלעכטער ריח הערט זיך פון איינעוויינינג, דערפאַר זאָל מען עפענען די פענסטער. דייוו זאָגט דער שלעכטער ריח קומט אריין פון אונטן, דערפאַר זאָל מען פאַרמאַכן די פענסטער.

טאָג איין, טאָג אויס ווידערהאָלט זיך דער זעלבער געשפּרעך.
טאָג נאָך טאָג ווערט דיקער דער שטויב אויף די פענסטער, וואָס מאַכט איִם אויסזען ווי אַ גרויער סאַמעט וואָלט אים פאַר־האַנגען.
די ווענט — שווארץ און שמוציק, אין דער פרייער מיטאָג שטונדע קענט איר זיך צוקוקן — דעם קאַמף פאַרן לעבן אָפּגע־שפּיגלט אויף די שפּינוועבס אין יעדן ווינקל פון שאַפּ, אַ גרויסע אָפּ־געפּאַשעטע שפּין וואַרפט זיך אַרויף אויף אַ שוואַכינקע פליגעלע, כאַפּט איר אַריין אין די גרויסע פיס, זויגט אויס איר בלוט . . . און אויס מיט דער פליג . . .

דער סילינג פון שאַפּ איז באַצירט מיט שווארצע געז־פּייפּס. וואַסער פּייפּס און שטריק. פון יעדער פּייפּ הענגט איבער די קעפּ פון די שקלאַפן גרויסע פאַרהאַנגען, געוועבט פון שפּין־וועבס שטויב און שמיקלאַך קאַלך וואָס שיילט זיך פון סילינג, ווי די הויט פון אַן אָפּגעבריטן קערפּער.
קומט אַ רעגן ווערט אַ געלאָף צו זוכן עמערס אויפצוהענגען אונטער די לעכער פון סילינג, כדי ניט צו קריגן אַ קאַלטן „טוש" . . . אָבער גאַנץ אָפט קריגט מען אים, ווען די עמערס ווערן אָנגעפילט און רייסן זיך אָפּ פון די פּייפּס, צו וועלכע זיי ווערן צוגעבונדן.
אונטער די טישן און מאַשינען איז אַ זאַמלונג פון פּאַרציי־טיקע „אַנטיקן" . . . אַלטע פּרעס־אייזנס פון יענע צייטן, ווען מ'האָט זיי געוואַרעמט אויף קוילן, ביר־קעסלען פון פאַר פּראָהיבי־שאָן, הינער־ביינער. וואָס די מייז דערקענען זיי שוין ניט, מצות, ברויט און אַרענדזש־שאָלעכץ, זינט די שניידער פלעגן נאָך אַריינ־קומען פיר פאַרטאָג און עסן ברעקפעסט כאַפּנדיק . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

די שניידער זיצן, טאָג נאָך טאָג ביי דער ליכט פון שמוציקע לעמפּלאַך, פאַרטרונקען אין שטויב, נייען און פּרעסן די שיינע קליי־דער, וואָס באַפּוצן די פענצטער פון דער שיינער סטאָר, טראָגנדיק דעם אויפשריפט : „געמאַכט אונטער די בעסטע סאַניטאַרע קאָנ־דישאָנס" . . .

געוואלד רומס !

מיט 12 יאָר צוריק ווי די פאַמיליע גרין האָט זיך איירנגעקליבן אין דריי רומקעס אויף דער איסט סייד, האָט מען גלייך אָנגעפאַנגען צו ריידן פון מופן.

אַזוי איז אַוועק אין ריידן און זוכן גאַנצע צוועלף יאָר ביז די פאַמיליע האָט זיך פאַרגרעסערט, און יעדער ווינקעלע פון הויז איז געוואָרן פאַרנומען. אפילו דער צובראָכענער וואַש־טאָפּ האָט אין צייט פון נויט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַ בעט.

מער פון אַלע מאָל איז אָבער געוואָרן די ענגשאַפט, ווען די צוויי עלטערע מיידלאַך האָבן אָנגעפאַנגען ארומצוגיין מיט חתנים, געוואָלט ברייננגען צו פאָרשטעלן זיי פאַר די עלטערן, און דאָ איז אין הויז ניט געווען קיין שטיקל פּלאַץ. ..

דערצו נאָך איז יאַנקעלע, וואָס איז אַלעמאָל געשלאָפן אויפן וואַשטאָפּ, ווי צו־להכעיס אויסגעוואַקסן מיט אַ קאָפּ העכער פאַר׳ן טאַטן, אַזוי, אַז ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן אויפן וואַשטאָפּ האָבן זיינע פיס נעבאַך געמוזט ליגן אין סינק. און טאַקע ניט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז ווען עמיצער פון דער פאַמיליע איז זיך אין דער פרי געגאַנגען וואַשן, האָט מען ניט ווילנדיק יאַנקעלע׳ן געגעבן אַ קאַלטע באָד אויף די פיס . . .

איינמאָל, אין אַ שבת פרי, ווי אָרגאַניזירט האָבן זיך אַלע קינדער אַ נעם געטאָן און ערקלערט אַ הונגער־סטרייק קעגן די עלטערן. מיר יועלן נ־ט עסן — האָבן אַלע אויסגעשרייען אויף איין קול — ביז איר וועט ניט זען אַנדערע רומס.

פאַרצווייפלט זיינען געבליבן זיצן דער טאַטע מיט דער מאַ־מען, זעענדיק אַז ריידן וועגן מופן וועט דאָ שוין מער ניט העלפן, נאָר מ׳מוז טאַקע גיין און נעמען רומס.

האָבן די קינדער געוואונען דעם סטרייק.

מיסטער גרין האָט ארויסגענומען פון קעשענע פינף צענער־לאך, צעטיילט דער פאמיליע, און אָנגעזאָגט יעדן איינעם זיך ארויס־צולאָזן זוכן רומס אין אַ געוויסן געגנט און ווען נויטיק, גלייך געבן אַ דעפאזיט.

די קינדער האָבן אָפּגעגעסן, און אַלע ווי איינער האָבן זיך אוועקגעלאָזן אין געגנט ווי געניטע יעגער אין אַ וואַלד צו זוכן „טו־לעטס“.

אין אָוונט זיינען אַלע געקומען אהיים, אויסגעמאַטערט, ניט קענענדיק כאַפּן דעם אָטעם. אָבער מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויף די ליפּן.

ווען אַלע האָבן זיך אָפּגערוט, האָט יעדער פון זיי אָנגעזאָגט די שמחה, אַז ער האָט געפונען רומס.

מיסטער גרין האָט זיך ברייטלאַך צוזעצט אויפן טיש, צוזאָגנ־דיק אַ פּרייז צו דעם, וואָס האָט געפונען די בעסטע רומס.

— איך האָב געזען פינף רומס — האָט אָנגעפאַנגען די על־טערע מיידל צו געבן איר באריכט — איז דאָס רעגעלע פּאַלאַצן. נאָר איין חסרון איז פאראַן, אין די בעק פון הויז איז פאַראַן אַ גרויסער סטייבל מיט פערד.

— איך האָב געזען פינף רומס, — האָט אָנגעפאַנגען די צוויי־טע טאָכטער, — איז דאָס אויך אמת'ע פּאַלאַצן, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דער סילינג ליגט צופיל אויפן קאָפּ.

— דערפאַר האָב איך געזען פינף רומס — האָט זיך צע־טאַנצט יאַנקעלע, — איז דאָס אַ קייזערלאַכער הויף, ווען ניט די קאַקערוטשעס מיט די וואַנצן אויף די ווענט, און די מייזלעכער אין ווינקלען.

— אויב אַזוי זיינען שוין מיינע רומס די בעסטע, וואָס איך האָב געזען, — האָט די מאַמע געגומען דערציילן, — פינף רומס ווי די פעלדער, נאָר איך בין אַ פאַרמאַטערטע געוואָרן קריכנדיק אויף אַ פינפטן פלאָר.

— דער פינפטער פלאָר איז שוין גאָר ניט ! — האָט מיסטער גרין געגומען אַליין דערציילן, — איך האָב אויך געזען רומס אויף אַ פינפטן פלאָר, און דערקריכן די שטיגן וואָלט מיר שוין ניט אַרן, איז אָבער אין זיי ניטאָ קיין הייסע וואסער, מיט קיין פענסטער, און דערצו וויל מען גאָר פאַר זיי פינף און פערציק דאָלער.

— פינף און פערציק דאָלער ? — האָבן אַלע אַליין צו זיך איבערגעזאָגט, — אָבער וואו געפינען זיך דיינע רומס ? — האָבן איינע די אַנדערע גענומען אויספרעגן.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די גאַנצע פאַמיליע האָט אָנגעקוקט דעם זעלבן „פלעט" און יעדער איינער האָט דערזען אַן אַנדער צרה אין די רומס . . .

און ווידער האָט מען זיך גענומען צו טראַכטן וועגן מופן . . .

געכאַפּט אַ מערדער! . . .

ס'איז שוין געווען נאָך צוועלף ביינאַכט, ווען מיסטער פּייער־פלאַם איז אַרונטער אין גאַס, מיט דעם הוט צודרייט, דעם שניפּס אויף אַ זייט און מיט דער וועסטל פּאַנאַנדערגעשפּילעט, האָט ער זיך געלאָזט גיין אַהיים.

קומענדיק צום ברעג פון גאַס, האָט ער באַגעגנט אַ פּאָליסמאַן, וואָס האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

— וואוהין גייסטו? — האָט אים דער פּאָליסמאַן אַ פרעג געטאָן, אים באַטראַכטנדיק מיט פאַרדאַכט.

— אַהיים, — האָט מיסטער פּייערפלאַם געענטפערט צעטומלט.

— פון וואַנען גייסטו? — האָט אים שוין דער פּאָליסמאַן גענומען אויף אַ שטרייננגערן פאַרהער.

— פון איר, פון מיין געליבטער פּעני — האָט ער אָנגעפאַנגען צו שטאַמלען.

— וואָס האָסטו דאָרט געטאָן? — האָט דער פּאָליסמאַן אים שוין אָנגענומען פאַר'ן אָרבל.

— וואָס? ? איך האָב גערעדט, זי האָט גערעדט; איך האָב געזאָגט, זי האָט געזאָגט . . .

דער פּאָליסמאַן האָט אָנגעשטעלט זיין פאַרדעכטיקן בליק אויף מר. פּייערפלאַם; אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און באַמערקנדיק רויטע פלעקן אויף זיינע הענט, האָט ער אים אַנעם געטאָן פאַרן קאָלנער ער זאָל ניט קענען אַנטלויפן און געזאָגט — וואָס טויג דיר דער ריידן. איך זע דאָך, אַז דו ביזט באַגאַנגען אַ מאָרד.

— א מאָרד ? חלילה ! — האָט זיך מיסטער פייערפלאַם שיער צעוויינט ווי א קינד, — פאַרקערט, איך ליב זי, זי ליבט מיך, מיר ליבן זיךביידע . . .

— טאָ וואָס דען איז געשען ? — האָט אים דער פּאָליסמאַן גענומען שאָקלען. — זאָג שוין, וועמען דען האָסטו דערמאָרדעט ?

— קיינעם ניט, איך שווער אייך ביי מיין גאַנצן לעבן, ווי איך בין דעם גאַנצן אָוונט געזעסן מיט איר איינע אַליין.

— קיינעם ניט ? — איז שוין דער פּאָליסמאַן געוואָרן גוט אין כעס. — און פון וואָס איז די בלוט אויף דיינע הענט ? דו, נאַרישער מערדער, וואָס דו ביזט.

מיסטער פייערפלאַם האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגן און האָט אָנגעהויבן צו וויינען און צו לאַכן.

— איך א מערדער ? בלוט ? ניין ! ניין ! איך האָב זי ליב. איך האָב איר געקושט, געהאַלזט, געדריקט צו זיך. — און דאָ האָט ער זיך צעלאַכט אויפן קול. — ענטשולדיקט הער פּאָליס-מאַן, איר מאַכט א טעות, דאָס איז ניט קיין בלוט, דאָס איז, ווייזט אויס, די פאַרב פון אירע ליפּן.

דער פּאָליסמאַן האָט נאָך אַמאָל א קוק געטאָן אויף זיינע הענט, און ביידע זיינען זיך פאַרשעמטע צעגאַנגען . . .

ליגנדיק אין דר'ערד

דאָס איז געווען אין די אלול טעג ווען איך האָב זיך דער־וואוסט, אַז איך בין באַגראָבן טיף אין דר'ערד.

אויסגעפ:נען האב איך דאָס אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען איך האָב דערהערט די שטימע פון מיין פלונית'טע. און זי, מיט איר שטימעלע, קאָן אויפוועקן אַ טויטן פון קבר . . .

איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן און געוואָלט שטעלן פיס, האָב איך אָבער באַלד דערפילט, אַז עס איז ניט פאַר מיינע כחות אַרויס־צוקריכן פון אונטער דעם בערגל זאַמד, וואָס איז געלעגן איבער מיר . . .

און איידער איך האָב צייט געהאַט אויסצוריבן מיינע אויגן פון די ליימענע שאַרבנס, האָב איך ווידער דערהערט איר שטימע: „סעמעלע, מיין טייערער סעמעלע!" און מיט אַ כליפּן איז זי אַנידערגעפאַלן אויף מיין קבר.

דעם אמת געזאָגט, האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי האַרציק ניט געוויינט. פון אירע אויגן האָבן פשוט גערונען טייכן טרערן. עס האָט ניט גענומען קיין פינף מינוט, און מיינע תכריכים זיינען גע־ווען אויסצודרייען . . . מיין ארון איז אין קבר געשוואומען כמעט ווי נח'ס קאַסטן אין מבול. עס איז פשוט געווען אַ נס, וואָס איך בין ניט דערטרונקען געוואָרן . . .

ווען זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט, און דער ים מיט טרערן איז ביסלאַכווייז איינגעזאַפּט געוואָרן אין זאַמד אַריין, האָב איך ווידער דערהערט לשון — וועגן וואָס זי איז געקומען צו מיר אויפ'ן קבר. איך זאָל איר מוחל זיין, וואָס זי מוז גלייך חתונה האָבן מיט אַ צווייטן מאַן.

ווען מיר וואָלט אין דער מינוט ניט אַריינגעפאַלן אַ שטיק צעַ־ווייקטע ליים אין מויל אַריין, בין איך געווען גרייט אויסצושרייען:
„זאָל זיין מיט מזל און גליק!"

וואָרים נאָך אַלעמען, האָב איך זיך געטראַכט, וואָס אַרט מיך? איך האָב געמעגט ליגן 32 יאָר ביי איר אין דער אדמה, טאָ זאָל אַ צווייטער אויך פילן דעם טעם . . .

זי האָט אָבער ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער. ווייסנדיק, אַז איך בין פאַרט אַ „טויטער" מענטש, וואָס קאָן איר גאָר ניט טאָן, איז זי אַוועק אַ גליקלאַכע צו איר נייעם געליבטן . . .

ווען אויפן בית הקברות איז שטיל געוואָרן, די טרערן זיינען צערונען, האָב איך אויסגעווישט אַ ביסעלע דעם ארון מיט מיין ווייסן קיטל און גענומען זיך באַטראַכטן, ווי טיף איך ליג באַ־גראָבן . . .

עסן איז ניטאָ וואָס, אַ סיגאַרעטל — אויף אַ רפואה ניט. און דאָ ברעכן מיר די ביינער פון קעלט, פון דער נאַסקייט אַרום מיר. איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן כאַטש אַריינצושטעקן די הענט אין די קעשענעס. האָב איך אָבער באַלד אויסגעפונען, אַז תכריכים מאַכט מען אָן קעשענעס . . .

איך בין געוואָרן פאַרצווייפלט, איך האָב געקאָנט ערוואַרטן, אַז יעדע מינוט זאָל מען מיך רופן צום משפט, און דאָ האָב איך קיין כח ניט צו שטעלן זיך אויף מיינע פיס. איך ווייס גאָר ניט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין . . .

איך האָב זיך גענומען קלאַפּן אין די ווענט פון מיין ארון אפשר וועלן מיינע שכנים דערהערן און מיר קומען צו הילף. אָבער זיי זיינען אַלע געלעגן טויטע, ניט אַ ריר געגעבן זיך פון אָרט . . .

פאַר גרויס עגמת נפש בין איך אַנידערגעפאַלן. אָבער איידער איך האָב נאָך פאָספּייעט צו פאַרמאַכן מיינע אויגן, האָב איך דער־הערט אַ שטימע פון הימל:

— סעם, אהער גיי!

אַ פאַרציטערטער בין איך געוואָרן. פינסטער, עלנד, האַלב־נאַקעט, אָן אַ סענט ביי דער נשמה, אָן אַ ברעקל ליכט, — נעם גיי, אַז איך ווייס ניט וואוהין? . . .

און שטארקער האט ווידער די שטימע גענומען שרייען: —
„סעם, אהער גיי! אין הימל אריין"...

כאטש איך האב ניט קיין ווייבערשע נשמה, האב איך דאך זיך צעוויינט, ווי א קינד און גענומען בעטן: „גאט אין הימל! וואו זאל איך גיין, אז איך ווייס ניט דעם וועג?"

„סעם אהער גיי!" — האט ווידער א דונער געטאן א שטים, אזש די ברעטער פון מיין ארון האבן געציטערט.

דא בין איך שוין געווארן אביסל ברוגז. נאך אלעמען בין איך דאך א גאסט אויף דעם עולם האמת. און אפילו „אויף יענער וועלט" שיקט מען דאך אויך א פאליציאנט צו ברייגנען אין גע־ריכט אריין איינעם וואס ווערט באשולדיקט, היינט אויף דער וועלט פון אמת, יושר און גערעכטיגקייט מעג מען דאך געוויס ערווארטן בעסערע באהאנדלונג...

ווייזט אויס, אז מיינע טענות האבן געווירקט, און באלד האב איך דערהערט ווי מען רייסט דעם דעק פון מיין ארון אונטער מיר. צוויי שיינע מלאכים׳לאך האבן מיך א נעם געטאן אונטער דר׳ערד אריינגעווארפן אין אזא „סאבוויי" און כהרף עין בין איך שוין געזעסן אין זיבעטן הימל...

וואס זיינען מיינע זינד געווען, און וואס איך האב דערפאר געקראגן, שעם איך זיך צו דערציילן.

אבער אז איך בין ארויס א געלייטערטער פון זייערע הענט, האב איך געקראגן א הכשר צו ליגן רואיק באגראבן...

ווידער זיינען צוגעפלויגן די צוויי מלאכים׳לאך, א נעם געטאן מיך אונטער די פאכוועס און מיט דער זעלבער „סאבוויי" ארונ־טערגעשיקט מיך פון הימל אין דר׳ערד אריין.

דעם אמת געזאגט, בין איך שוין געווען צופרידן, וואס ענדליך האב איך אפגע׳פטור׳ט אזא יאך פון קאפ. זיך ווידער איינגע־נורעט אין מיינע תכריכים מיט דעם הכשר אין האנט און האב באשלאסן צוווארטן אויף משיח׳ן, אויסגעלייזט צו ווערן.

גייט ניט אוועק קיין „יאר צייט" דערהער איך מ׳רייסט די ווענט פון מיין ארון.

וואָס איז דאָס ? — האָב איך זיך פאַרטראַכט. — שוין ווידער א נייער משפּט אויף מיין קאָפּ ?

אָבער קיינער האָט מיר ניט געענטפערט, און מען האָט ווייטער געריסן דעם ארון.

מיט עטלאָכע טעג שפּעטער, אין א פינסטערער נאַכט, דערזע איך פון אַלע זייטן — עם קריכן ווערים מיט גלעזערנע אויגלאַך.

איינער נעמט זיך גלייך צו א פּוס, א צווייטער צו א האַנט, א לאַנגער וואָרים נעמט קריכן אין אויער אריין און א גראָבער וואָרים, מיט טויזנטער פיסלאַך, איז ניט פויל און קריכט מיר גלייך אין האַלז אריין . . .

געוואַלד ! — האָב איך זיך באַלד צעשריען פון שרעק און זיך גענומען בריקען מיט די הענט און פיס, קעמפנדיק ווי א לעבעדי־קער . . . קעגן די שרעקלאָכע קנוילן פון ווערים און ווערים.

— — — — — — — — — — — —

איין גאָט ווייסט, וואָס די ווערים וואָלטן פון מיר געמאַכט, ווען מיין ווערט־זייגער וואָלט זיך ניט צעקלונגען און מיך אויפ־געוועקט אין מיטן פון מיין שרעקלאַכן חלום . . .

אַ גוטער אָפּשניט

אַ דערמאָנונג

דאָס האָט פּאַסירט מיט יאָרן צוריק. איך בין נאָך דאַן געווען גאָר אַ יונגער בחור'ל, אָבער אַ יונג אַ שטיפער, וואָס האָט קיינמאָל ניט גערוהט, שטענדיק געווען מיט עפּעס פאַרנומען: ווינטער בין איך געווען מער אויפן גליטש ווי אין הויז, זומער געלעגן אין טייך גאַנצע טעג און טאָמער איז מיר נאָך ווען געבליבן אַ פרייע שטונדע האָב איך איר צורעכט געמאַכט אין שוהל, דערלאַנגענדיק אימיצן מיט אַ פאַרקניפּטן האַנטוך, צוזאַמענאַיינגענדיק נחום שעיה דעם מלמד'ס אַבל ניון ראַק מיט לייביש קרעמער'ס אַרבל, צובינדנדיק אַ ציצה פון אַ טלית צום סטענדער און אויב עס זיינען מיר נאָך אַלץ געבליבן אַ פּאָר איבעריקע מינוטן, האָב איך מיט חברה ביי וועמען עס איז צוגראַכן אַ בריקל ביים טיר, אויסגעקלאַפּט עטלאַכע שויבן און זיך גלאַט זאַטשעפּעט מיט שקצים.

אין דער היים בין איך אָבער געווען שטיל ווי אַ קאַטינקע, מחמת מיין טאַטע פלעגט מיט מיר קיין צופיל צערעמאָניעס ניט מאַכן און גלייך צייגן דעם פּאַסיק, און אַזוי ווי מיט מיין טאַטנס פּאַסיק האָב איך זיך זייער גוט געקענט . . . פלעג איך זיך היטן ניט צו טרעפן מיט אים.

איינמאָל איז מיין באָבע געקומען צום טאַטן מיט אַ מסירה'לע אַז זי האָט געהערט אין מאַרק דאָס איך בין געווען איינער פון די, וועלכע האָבן געהייסן די „ציציליסטן" סטרייקן פאַר דער אָפּשאַפונג פון אַרבייטן „שאַבייסענאַכט", און אַז איך אַליין בין אויך אַ „ציציליסט" — און אויב דו ווילסט וויסן זייערע סמנים — האָט די באָבע געגעבן דעם טאַטן צו פאַרשטיין — זיינען אַט די אַלע וואָס טראָגן

רובאשקעס מיט קוטאסן און גרויסע קודלעס האָר אויפן קאָפּ — „ציציליסטן“.

— אויב אזוי — האָט זיך מיין טאַטע איבערגעקוקט מיט דער מאַמען — איז ער דאָך א „ציציליסט“.

די מאַמע האָט אָנגעפאנגען וויינען און ברעכן מיט די הענט, — איצט זעסטו שוין, נח, פּארוואָס אונזערע „געזעלן“ מיכל מיט איטשען ווילן מער ניט ארבעטן „שאבייסענאכטס?“ . . .

איך האָב דאָס אַלץ צוגעערט און געזעסן די גאַנצע ארונטערגעלאָזט, בלייך ווי די וואַנט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

פּלוצלינג איז צו מיר צוגעלאָפן דער טאַטע מיט מיין „באַקאנטן“ פּאַסיק, אין האנט און — טראַך, זעץ, בענג, קלאַפּ, און מיר צו'הרג'עט ווי א ביטערן עפּל.

ווען איך בין שוין געלעגן אויף דער ערד א צוקיילטער, א צובײלטער, האָט נאָך די מאַמע צוגעלעגט א ברכה'לע : — זאָלסט אזוי כח האָבן צו לעבן ווי דער טאַטע האָט כח דיר צו שלאָגן . . . משומד איינער, גיב שוין אהער די רובאשקע מיט די קוטאַסן, וואָרים איך צעברעך באַלד די קאָטשערע אויף דיר ! און דו — האָט זי זיך געווענדעט צום טאַטן — זאָלסט אים שוין אָפּשערן די קודלעס, וואָרים דער יונג וועט אונז נאָך אומגליקלאָך מאכן !

די רובאשקע האָט מען טאַקע באַלד פון מיר ארונטערגעריסן, אָבער פאַר מיין קאָפּ האָר האָב איך געקעמפט ווי א לייב.

שפּעטער, ווען איך בין נאָך געלעגן אונטער'ן אויוון און געכליפּעט, האָב איך געהערט ווי די באָבע האָט שטילערהייט אַן עצה געגעבן דעם טאַטן : — ביינאכט, ווען ער וועט שלאָפן, זאָלסטו אים אביסל אונטערשערן די האָר און דערנאָך וועט ער זיך שוין אַליין מוזן לאָזן אָפּשערן די גאַנצע האָר.

ווען איך האָב דערהערט די דאָזיקע ווערטער, בין איך א פּאָרציטערטער געוואָרן און זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ, פּונקט ווי אָט גייט מיר שוין דער טאַטע אָפּשערן די האָר.

אין אָוונט, פאַרן שלאָפן גיין, האָב איך גענומען זוכן מיטלען, ווי צו ראַטעווען מיין קאָפּ האָר. איך האָב ערשטנס זיך אוועקגע־

ליגט אין בעט נעבן וואנט, נאכהער איבערגעוואָרפן די הענט שטייף אויפן קאָפּ און זיך טיף איינגענורעט אין קאָלדרע. ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט האָב איך מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט און ווייס נאָך ביז היינט ניט ווען איך בין איינגעשלאָפן.

אויפגעכאפּט האָב איך זיך נאכדעם ווי איך האָב דערהערט שרעקלאכע געשרייען און קוויטשערייען.

איך האָב גאָר פארגעסן אָן מיינע האָר און ארונטערגעלאָפן פון בעט זען וואָס ס'איז געשען. ערשט מיין אכטצן יאָריקע שוועסטער, גיטל, שטייט פאַרן אָפּגעבליאקירטן שפּיגל, א האלבע קאָפּ אָפּגע־שאָרן און רייסט זיך פאַר די איבערגעבליבענע האָר, וויינט הויך אויפן קול און שרייט אויפן טאַטן: — וואָס האָסטו געהאַט צו מיינע האָר, איך וועל זיך איצט אין גאַס ניט קאָנען ווייזן! וואָס וועל איך זאָגן די חבר'טעס! די מאַמע איז געשטאַנען נעבן טאַטן מיט פאַרבראָכענע הענט און גע'טענה'ט: — וואָס ביזטו ח"ו בלינד געוואָרן, צי וואָס?! וואו זיינען געווען דיינע אויגן? די באָבע האָט אויך עפּעס געבורטשעט, און דער טאַטע האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן, אַז עס איז געווען פינסטער, אַז ער האָט געמאכט א טעות, געוואָלט האָט ער גאָר אָפּשערן מיך, דעם „ציציליסט" . .

דער אַלטער בחור

ווען שמיליק בראון האָט דערהערט די נייעס אַז עס איז אריין אין קראַפט דער געזעץ, אַז „יונגע לייט" ביז 45 יאָר, וועלן גענומען ווערן אין דער אַרמיי, האָט ער זיך דערפילט זייער געשלאָגן. אמת, שמיליק איז שוין געווען אריבער 45 יאָר, אָבער טאַקע דערפאַר האָט אים נאָך מער געקריינקט דאָס, אַז צוליב אַזאַ נאַרישקייט, וואָס די מיידלאַך פון נעקסט דאָר האָבן אים גערופן „אַלט בעטשלער" האָט ער אויף זיינע בירגער־פּאַפּירן פאַרשריבן זיך ניט מער ווי 32 יאָר.

און וואָס מער שמיליק האָט וועגן דעם געטראַכט, אַלץ מער איז ער אין כעס געווען אויף זיך אַליין. צוליב זיי — האָט ער גע־מורמלט — צוליב זיי, די פּאַסקודסטוועס, האָב איך אַליין זיך קאַ־ליע געמאַכט.

— ניין ! — האָט ער בעשלאָסן, — איך מוז זען עפּעס טאָן.

און באַלד איז שמיליק אַוועק צו אַ לאָיער באַווייזן, אַז ער איז אַ פּאַטריאָט, נאָר אַזוי ווי ער איז אריבער די יאָרן, וויל ער זיין פריי.

די נייעס איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן ביי אַלע שכנים אַז שמיליק „וואַקסט" אין די יאָרן . . .

איז שמיליק אַרויס אין סטריט, האָט אים יעדער פון די שכנים וואָס האָט אים באַגעגנט, באַגריסט מיט אַ פראַגע : „ווי אַלט זייט „איר" מיסטער בראון ?"

די נעקסטדאָריקע מיידלאַך האָבן זיך פאַר אים ענטשולדיקט פאַר רופן אים „דו", און פון היינט אָן און ווייטער האָבן זיי אים

צוגעזאָגט צו רופן „איר", און באלד האָט טאַקע איינע אַ פרעג געד טאָן : „ווי אַלט זיינט „איר" שמיליק ?"

וואו ער איז געשטאַנען, און וואו ער איז געגאַנגען האָט אים יעדער געשאַצט די יאָרן . . .

— מיסטער בראַון זעט אויס צו זיין פון 35 יאָר — האָט באַד מערקט אַ פרוי.

— איך דענק אַז שוין 40, — פלעגט אַ צווייטע אַ זאָג טאָן.

— נאָר וואָס טויג אייך דער דינגען זיך ? — פלעגט אַ דריטע זיי בארואיקן. — אַט, וועל איך באַלד וויסן, זעט נאָר, מיסטער בראַון, פלעגט די ווייבל זיך ווענדן צו אים, — ווי אַלט זיינט איר ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר ?

בראַון האָט אַנשטאָט איין ענטפער שטיל אַ מורמל געטאָן :

— ניט אייערע פאַרדאַמטע ביזנעס !

אַ פּאַרצווייפלטער איז ער אַזוי אַרומגעגאַנגען פון פריינט צו פריינט, און פון לאָיער צו לאָיער, און קיינער האָט אים ניט געקענט העלפן.

ווען ניט ווען, פלעגט די מיסעס אים טרייסטן און שטיל באַד דויערן : אַ, ווען „איר" הייראַט אָבער, וואָלט „איר" דאָך געווען פריי פון אַלע צרות אין ניט געוואוסט פון אַזוינע זאַכן ווי מלחמה !

דאָס פלעגט שמיליק'ן מאַכן לאַכן און אַ פרייד פלעגט באַגיסן זיין פּנים און ער האָט גלייך אָנגעפאַנגען זיך צו טרייסטן, אויב דיד נען, איז שוין בעסער דעם לאַנד ווי דער ווייב . . . די פרייהייט וואָס איך קען קריגן דורך אַ פרוי בין איך אייך מוחל, ווייל צו דער גרויסער קריג וועט דאָך קומען איין ענדע, אָבער צו דער וויי־ בערישער קריג איז נאָר קיין ענדע ניטאָ. דאָס איז אַ אייביקע קריג . . .

ניט אַלע האָבן אָבער געוואוסט אַז שמיליק איז אַ פרויען־האַד סער, האָט אַ יעדער פון זיינע פריינט פאַרגאַסן אַ בעזונדער טרער אויף אים, און דערביי געגומען אים ריידן אַ שידוך.

אַזוי האָט מען אים פאַרמאַטערט פון אַלע זייטן. ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן און אַ אַלטע מויד אין דער משפּחה, איז מען באַלד געקומען צו שמיליק'ן.

און . . . שמיליק'ן איז געוואָרן ענג די גאַס. פון איין זייט, האָט מען אים געשאַצט די יאָרן, און פון דער צווייטער זייט גע־רעדט שידוכים.

אָבער גיך האָט זיך בראָון בעפרייט פון דיזער אַנשיקעניש אויף אים, ווייל ער איז אַליין אַוועק און זיך ענליסטעט אין דער אַרמיי.

געבילדעטע לעזער

טאָג און נאכט פלעגט איזי דער בייסטער דערמאָנען יענע צייט, ווען שניידער האָבן געארבעט שטיק־ארבעט, און ער איז געווען אַ סאַב־קאָנטראַקטאָר איבער אַ גאַנצן סעט.

זיין בעסטער וואונש איז געווען, אַז עס זאָלן צוריק קומען יענע צייטן אין טרייד און ער זאָל ווידער קענען טרייבן אַ „טים".

און וואו איזי האָט זיך נאָר געטראָפן מיט אַ שניידער, האָט ער גלייך גענומען באַווייזן די גליקן, וואָס די ארבעטער וועלן האָבן ביי אַ שטיק־ארבעט.

פלוצים איז איזי איבערראַשט געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט די נייס, אַז דער „ריקווערטס" עפנט אַ דעבאַטע וועגן דעם.

איזי לעזט אפילו ניט קיין צייטונג, דעם „ריקווערטס" קויפט ער אָבער אַלע טאָג, און ער האָט באַשלאָסן אויך זיך צו באַטייליקן אין דער דעבאַטע.

אַזוי ווי ער קאָן ניט שרייבן, איז ער אַוועק צו אַ בריוו־שרייבער און אָנגעשריבן אַ בריוו וועגן „די גליקן פון שטיק־ארבעט".

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מען אָנגעזאָגט איזי דעם בייסטער, אַז זיין בריוו איז געדרוקט אין „ריקווערטס".

איזי האָט גיך ארונטערגעשפּאַנט די פינף פלאָר און זיך איינגעקויפט אַ „ריקווערטס". גייענדיק צוריק האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי אַ מאַן מיט אַ „ריקווערטס" אין האַנט, וואו געפינט זיך דער בריוו פון איזי דעם בייסטער.

דער מאַן מיט'ן „ריקווערטס" אין האַנט, ניט וועלנדיק זאָגן אַז ער קען אויך ניט לעזן קיין „פּייפּער", האָט אַ מיש געטאָן אין מיטן און אָנגעוויזן איזי'ן דעם פלאַץ.

איזי האָט גלייך מיט אַ פּענסיל ארומגעפּריימט דעם בריוו צו ווייזן זיין וויב, וואָס פאַר אַ „קלוגן" מאַן זי האָט.

אין אָוונט, ווען ער איז געקומען פון דער ארבעט, האָט ער איר גלייך געוויזן זיין „גרויסקייט“ . . .

די פרוי, אויך ניט קענענדיק לעזן, האָט א כאַפּ געטאָן דעם „ריקווערטס“ אין האנט און איז אוועק צו איר נעקסטדאָריקן ווייזן וואָס פאר א „געבילדעטן“ מאַן זי האָט. אז ער שרייבט אין די „פייפּערס“. צווייטנס טאקע הערן, וואָס ער שרייבט.

די נעקסטדאָריקע האָט גענומען דעם „ריקווערטס“ אין האנט און גענומען לעזן אין דעם אָנגעצייכנטן פּלאַץ.

„טייערער רעדאַקטאָר !

„ווי איך קוקט מיך אָן, בין איך שוין א איד אין די יאָרן, נאָר מיינע צרות פאנגען זיך ערשט אָן. צו אכטצן יאָר בין איך נאָך געווען א יונגער בחור און ניט איבעריק קלוג, האָב איך חתונה געהאט מיט אַן אַלטער מויד. געהאט מיט איר זעקס קינדער, ביז מיר איז געוואָרן דרייסיק יאָר און איך האָב געקראָגן שכל און געפונען א מיידל פון 19 יאָר אָן שכל . . . און חתונה געהאט מיט איר, און האָבן ווידער קינדער“.

וואָס ? — האָט זיך איזי'ס פרוי א כאַפּ געטאָן פאר'ן קאָפּ, — לעזט נאָר ווייטער פון מיין אומגליק.

די נעקסטדאָריקע האָט ווייטער געלעזן :

„איצט טייערער רעדאַקטאָר, פּלאָגט מיר מיין געוויסן, איך לעב מיט מיין פרוי גליקלאך און איך וואָלט וועלן, זי זאָל וויסן דעם אמת, זאָל איך איר זאָגן צי ניט ?“

מיט גרוס, „דער אומגליקלאכער“.

„ענטפער פון רעדאַקטאָר : — אויב איר ליבט אייער פרוי, און אייער פרוי ליבט אייך, זאָגט איר דעם אמת, און אויב עס וועט זיין טראָבל, פארלאָזט זיך אויפ'ן רעדאַקטאָר . . . “

— גוואלד ! — האָט זיך די פרוי גענומען רייסן די האָר פון קאָפּ — ער איז נאָך אַן אומגליקלאכער ? — האָט מיך, א יונגע קינד, רואינירט, אומגליקלאך געמאכט, יעצט, אז מיר האָבן שוין 12 קינדער, פרעגט ער דעם רעדאַקטאָר, צי ער זאָל מיר אויסזאָגן. און ניט מיר נאָך אזוי קאַלטבלוטיס צו לעזן ! . . .

די פרוי האָט זיך פאַרנומען גאַנץ ברייטלאַך צו חלש'ן און אַלע שכנים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן און צוזאַמען מיט זיי אויך איזי דער בייסטער.

און איידער איזי האָט באַוויזן צו זען ווער עס חלש'ט דאָ, האָבן אָנגעהויבן צו פליען אין אים ביגל־אייזנס, וואַלגער־קלעצער, גאַז־פייפס און וואָס עס איז נאָר געווען אונטער'ן האַנט . . .

ווען מ'האָט אים אַ האַלב טויטן אַרונטערגענומען אין דראַג סטאָר און ער האָט ערפאַרן, וואָס דאָ טוט זיך, איז ער מיט זיינע לעצטע כחות אַוועקגעקראָכן צו דעם בריוו־שרייבער און אים געוואָרפן אַ טינטער אין קאָפּ אַריין.

ווען דער בריוו־שרייבער האָט זיך אַביסל אַרומגעווישט פון זיין „שוואַרצן" סוף, און גענומען אויספרעגן וואָס דאָס איז, האָט ער אויסגעפונען, אַז דער מאַן, וואָס האָט איזי'ן געוויזן אין „ריק־ווערטס" וואו זיין בריוו איז געדרוקט, האָט אַנשטאָט ווייזן דעם בריוו וועגן שטיק־אַרבעט, גאָר געוויזן אויף דעם „בינטל צרות" . . . אַזוי האָט איזי אָנגעצייכנט דעם פּלאַץ און די שכנה האָט עס אַזוי געלעזן.

אויף מאָרגן. ווען איזי דער בייסטער איז געקומען אין שאָפּ אַ צוקיילטער און אַ צובײַלטער, האָט ער זיך באַרימט פאַר די אַר־בעטער, וויפל גוטס ער טוט אויף פאַר זיי . . . ווי ער האָט נעכטן געבלוטיגט פאַר דער יוניאָן . . .

אַ גוואַלדיקער חזן

פאַראַן מיידלאַך, וואָס ריידן זיך איין אַז זיי זיינען שיין. ווייבלאַך, אַז זיי זיינען קלוג, און יונגע לייט, אַז זיי ווען ניט חתונה האָבן . . .

מיינער אַ לאַנדסמאַן האָט זיך איינגערעדט אַז ער איז אַ חזן, און טאַקע אַ „געוואַלדיקער" חזן דערצו.

דעם אמת געזאָגט, איז ער טאַקע געווען אַ „געוואַלדיקער", וואָרים זיינע געוואַלדן האָבן פשוט ניט געלאָזט קיינעם אין הויז צומאַכן אַן אויג.

דערפאַר טאַקע פלעגט זיין פרוי גאַנץ אָפט שרייען אויף אים למאַי ער דערלאָזט די שכנים נישט שלאָפן. אָבער ער פלעגט באַלד טרייען איר צו באַרואיקן מיט דעם, וואָס ער פלעגט איר הייסן פאַרמאַכן די פענסטער.

וואָס הייסט די פענסטער ? — פלעגט זי זיך נאָך מער צעשרייען — פאַרמאַך בעסער דיין מויל ! . . . פון דיין זינגען וועט סיי ווי גאָר ניט זיין..

דאָ פלעגט שוין דער לאַנדסמאַן ווערן אָן אָנגעצונדענער — מיין זינגען געפעלט דיר ניט ? אַה, זאָל מיינע שונאים אַזוי דרייען אין בויך ווי חיים כרעמזל קאָן ניט אַזוי אויסדרייען אַ כל־נדרי ווי איך.

און גלייך האָט ער אַרויפגערוקט די יאַרמולקע, אויסגעגלייכט דעם גאָרגל, און ווי פון אַ פוסטער כלי האט אַרויסגעקלונגען אַ ווי־דער־קול, אַ־אַ־אַ־אַה־אַ „כ ה ה ה ל ל ל נ י י י י ד ד ד ר ר י י . . .

טאָ דרייט טאַקע ניט קיין קאָפּ — האָט זיך באַלד דערהערט אַ געשריי פון אַ פענסטער.

לאָזט שלאָפן מייז קינד — האָט אַ פרוי אַרויסגעשריען פון אַ צווייטן פענסטער.

מיין לאנדסמאן האט ארונטערגעלאזט זיין קאפּ א גלעט געטאן זיך ביים בערדל און שטיל צו זיך געשטאמלט: — א שרעקלאכע לאנד געווארן אמעריקא, מ׳וויל שוין א אידיש ווארט ניט הערן. געהערט ווי מען האט זיך צושריען. נאר „יענקי דודלאף" גיב זיי, די משומדים.

מיט כעס האט ער זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, איינגעגראבן די הענט אונטער דער יארמולקע און שטיל זיך ווידער צוזונגען: א א א א ו ו ע ה, —און וואס אמאל האט ער זיך אלץ מער פארטיפט אין זיין זינגען און איבערן הויז האט געקלונגען דער קרעכץ ווי מען רייסט ארויס א טשוואק פון א ברעט מיט א סענק . .

זאל זיין שטיל — האט זיך ווידער דערהערט א געשריי פון די אונטערשטע פלארס, — וואס פאר א זעגן האלץ ביי נאכט ! די קינדער קאנען דאך ניט שלאפן.

ער האט פאר כעס געגומען זיך די נעגל בייסן. — זיי ווילן מער ניט הערן דעם אידישן קרעכץ, דעם אידישן וויטאג.

זיין פרוי האט זיך צעלאכט, — נאך קנאפע וויטאג האבן די אידן פון די אנטיסעמיטן, האסטו זיך אויך נאך אויף זיי אנגעזעצט מ׳זאל ליידן פון דיין זינגען, וואס ווילסטו פון זיי?

דער לאנדסמאן איז מיט טרערן אין די אויגן אוועק שלאפן.

אויף מארגן איז ער געקומען פון דער ארבעט מיט א פרייד. און טייטלענדיק צו דער פרוי מיטן פינגער, האט ער זיך צושריען — דו מיט דיינע שכנים. די גראבע יונגען געפעלט ניט מיין זינגען, אבער אייך אלע אויף צו פיקעניש גיי איך שבת מאכן פראבע און טאקע אין א גרויסער שוהל, וואו א הונדערטער איז זיכער ווי אין קעשענע.

אפגעגעסן סאפער, האט זיך מיין לאנדסמאן גענומען צו מאכן פראבע פאר דער פראבע, און ווידער האט געקלונגען אין הויז ווי א טראמוויי וואלט געלאפן אויף נאסע רעלסן . . .

שבת איז מיין לאנדסמאן אויפגעשטאנען פארטאג, זיך אויסגעפוצט אין די שענסטע בגדים און איז א גליקלאכער, א פריילאכער אוועק אין שול אריין.

צוויי שטונדן שפּעטער איז ער צוריק געקומען אין הויז הייזעריק ווי די וואַנט, ניט האָבנדיק קיין כח אַ וואָרט צו ריידן.

וואָס איז דאָס? — האָט אַ צושראָקענע זיין פרוי אים אַ פרעג געטאָן.

געקומען אַ צו הויכן טאָן — האָט ער איר קוים געענטפערט, אויסקרעכענדיק ווי אַ יונגער הענדל — אַז ס'איז ניטאָ קיין מזל דאַרף איך פאַרלירן הונדערט דאָלער ווי פון קעשענע.

אַז דו ביזט קיין חזן ניט — האָט זיך שטאַרק צולאַכט זיין פרוי — וואָס דרייסטו מענטשן אַ קאָפּ מיט דיין הייזעריקן פייפל... אייז! סטראָבעריס! איז גוט צו שרייען מיט אַזאַ שטימע ווי דיינע, אָבער ניט זיין אַ שליח ציבור...

דאָס מאָל האָט ער איר גאָרניט געענטפערט, ווייל ער האָט נעבאך ניט געקאָנט. און קיין פּראָבע האָט ער דעם אוונט שוין אויך ניט געמאַכט נאָר אַ גאַנצן אָוונט געשטאַנען איבער אַ זודיקן טשייניק וואַסער און געשלונגען די הייסע פּאַרע צו ראַטעווען זיין „גוואַלדיקע" שטימע.

אויף דעם נעקסטן טאָג איז מיין לאַנדסמאַן ווידער געקומען מיט אַ פרייד. איך האָב געפונען! — האָט ער מיט שמחה אָנגעזאָגט דער פרוי — אַז אַנאָנסע אין אַ צייטונג, וווּ מען פאַרלאַנגט אַ חזן.

אויף גיך האָט ער אָפּגעכאַפּט דעם סאַפּער און אַוועקגעלאָפן אויף פּראָבע. איז ער ווידער געקומען מיט דעם זעלביקן סוף, זיך באַלד כאַפּנדיק צום הייסן טשייניק וואַסער און ווידער געזופּט פּאַרע...

ענדליך האָט ער ווידער געפונען אַ פּלאַץ, וואו מען פאַרלאַנגט אַ בעל תפלה אין מושב זקנים, און מיט פרייד איז ער געקומען און אָנגעזאָגט אַלעמען אַז ער האָט פּרעזענטירט הונדערט דאָלער פאַר'ן מושב זקנים.

ווי אַזוי? — האָט אים אין הויז יעדער נייגעריג געפרעגט — וואו האָט איר דאָס גענומען?

דאָס הייסט, ניט קיין קעש, — האָט ער זיי באַלד פאַרענטפערט, — איך גיב זיי מיין דאַווענען אומזיסט, און איך האָף — האָט

ער שטאָלץ אַרויסגעזאָגט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן — אַז זיי וועלן מיין זינגען מער שעצן ווי מיין ווייב מיט די גראָבע יונגען.

אַזוי מיט יעדן טאָג, ווי דער יום טוב האָט זיך דערנענטערט, האָט מיין לאַנדסמאַן אַלץ גענומען מער אַכטונג געבן אויף זיך.

קרויט, — פלעגט ער אַ זאָג טאָן צו זיין פרוי, — איז צו שטאַרק פאַר מיר, דאָס קאָן שאַדן מיין שטימע. שוואַרצע ברויט, רייבט מיר די יאָסלעס. פּיקל מאַכט איילינ די ציין.

ביז זיין פרוי האָט שוין אויך געקראָגן עפּעס מער רעספּעקט פאַר זיין שטימע, און האָט אים אָנגעפאַנגען צוצוזען בעסער. פי־לייכט — האָט זי געמורמלט צו די קינדער — פילייכט איז ער גערעכט. אַז איך פאַרשטיי ניט קיין געזאַנג. אפשר דאַכט זיך מיר אויס, אַז ווען ער זינגט איז ווי מען וואָלט געזעגט ברעטער... כ׳ווייס?...

אַזוי איז מיין לאַנדסמאַן געווען דער גליקלאַכסטער מענטש אויף דער וועלט. ביז ערב יום טוב האָט ער ווידער דורכגעמאַכט אַ פּראָבע און איז ווידער געוואָרן הייזעריק אַזוי, אַז אפילו קיין קאָמפּרעסן מיט פאַרע האָבן אים שוין ניט געהאָלפן.

מיט זיינע לעצטע כחות האָט ער אַרויסגעקוויטשעט אַז די פּראָבעס האָבן אים זיין שטימע דער׳הרג׳עט.

און מיין לאַנדסמאַן האָט מיט אַ צעבראָכענע האַרץ קוים גע־דאַוונט אַליין פאַר זיך דעם יום טוב.

סקעב-אַרבעט

אין אַ שײנעם פרימאָרגן זײַנען די גאַסן פאַרקלונגען געוואָרן מיט די געשרײען פון די צײַטונגס-פאַרקױפער, וואָס האָבן אָנגעזאָגט, אַז אַ סטרײַק איז דערקלערט געוואָרן קעגן דער גרעסטער צײַטונג „דער טעגלאַכער בילער".

דער סטרײַק איז געווען אַ געלונגענער. אַלע אַרבעטער און מיטאַרבעטער, ווי שרײַבער, זעצער, שמירער און קאָרעגירער זײַנען אַרונטער אין סטרײַק.

די לעזער זײַנען איבעראַשט געוואָרן פון די נײַעס ; באַלד האָט זיך צענױפגעקליבן אַ רעדל פון טױזנטער מענטשן צו זען ווי די אַרבעטער פּיקעטן דעם טעגלאַכן „בילער".

צווישן די לעזער האָבן זיך באַלד גרופּירט צוויי פראַקציעס. אײנע האָט געהאַלטן מיט די אַרױסגעבער, אַ צווייטע מיט די אַרבעטער. אײן גרופּע האָט געוואונטשן אַ זיג דער צײַטונג, אַ צווייטע — די קעמפער . . . אײן פראַקציע האָט צוגערעדט די סקעב-צײַטונג צו לײענען — די צווייטע צו צערײַסן.

אויף מאָרגן האָט „דער טעגלאַכער בילער" אַנאָנסירט מיט גרויסע ווערטער : דער סטרײַק איז שוין געבראָכן ! אונז איז געלונגען צו קריגן די בעסטע מיטאַרבעטער, זעצער און עקספּרעס-לײַט, וואָס זײַנען פאַראַן אין טרייד. מאָרגן קריגט איר דעליווערט אַ פאָלקאָמענע צײַטונג, בעסער, ווי ווען עס איז פריער.

דעם קומענדיקן פרימאָרגן זײַנען שוין געשטאַנען בײדע פראַקציעס צו באַגעגענען דעם נײַעם נומער. אײן גרופּע צו לײענען — די צווייטע צו צערײַסן.

ווען די צײַטונג האָט זיך אָבער נאָר באַוויזן אין גאַס, זײַנען אַלע גרופּעס שטײן געבליבן ווי צעטומלט, נישט פאַרשטײענדיק

וואָס דאָ טוט זיך. גלייך פון קעפּל האָט זיך געזען, אַז די צייטונג איז אַרונטער פון זינען; אַנשטאָט „דער טעגלאַכער בילער" איז געשטאַנען: „דער קלעגליכער בילער".

ביידע גרופּעס האָבן באַלד פאַרגעסן זייער כעס איינער אויף דער צווייטער. זיי האָבן צוזאַמען גענומען בלעטערן די צייטונג און וואָס מער זיי האָבן געבלעטערט, אַלץ הילכיגער איז געוואָרן דער געלעכטער אין גאַס.

פּאַסירט האָט אַיין קלייניקייט — די נייס אין צייטונג האָט זיך אַזוי געלייענט:

„פרוי אַנטלויפט פון מאַן מיט אַ קאַץ אין סאָבוויי, גנב שיסט אויף איר מיט פּרייזן פון דריטן פלאָר. ווייל אַ גרויסער שניי־שטורם ערוואַרטעט דעם באַרימטן ערפינדער ר׳ב משה, וואָס האָט פאַרניכטעט אַ פייער צוועלף ביינאַכט מיט אַ ביליקן טויט. צוליב דעם ווערט ברויט ביליקער און הונדערטער מענטשן שטאַרבן פון היץ אַרום דעם נאָרד־פּאָל. דערפאַר ווערן באַגראָבן דרייסיק מענער און די פרוי האַלט זיך ביים גנב, וואָס האָט אויס פאַרצווייפלונג געשאָסן דריי אינטשעס שניי, אַזוי איז דער רב און דער פייער געוואָרן ביליקער".

„פאַרלאַנגט אַ גוטן חזן אין אַ שול. פרעגן דעם אונדערטייקער אין ריעל עסטייט אָפיס; ביליקע שיך צו פאַרקויפן אין דראָגים. אויך עקס־לאַקס, דער בעסטער מיטל צו ערווײלן דעם קאַנדידאַט. שטימט פאַר זיי, וואָס מאַכט אויך די בעסטע כשר׳ע מצות אין אַלע גראָסעריעס. ווען איר האָט טראָבל מיט די אויגן, האָבן מיר די בעסטע סוטס פאַר אייך פון די בעסטע הוק און מאַהאָגען, סאַלערי טאָניק. מיר גלייבן אויס אייערע ביינער דורך די בעסטע מצבות לייטעסט סטיילס. מיר מאַכן וואַקסן שטיינער אויף די בעסטע פליכעס צו די ביליגסטע פרייזן. דאָקטאָר פויזען קאָן אייך ראַטעווען. קומט, איך קען צוזאַמענברענגען אַ וואַנט מיט די בעסטע מעטאָדן אין ענגליש, גאַראַנטירט אין צוויי וואָכן אייך צו עקזאַמענירן".

אַזוי האָט זיך געלעזן די גאַנצע נייעס און די לעזער זיינען גע־שטאַנען און זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

אויף מאָרגן האָט דער רעדאַקטאָר פון „טעגליכן בילער“ באַפעלן דעם סיטי עדיטאָר זיך צו אַנטשולדיקן פאַר די לעזער, וואָס וואַרף אַ פאַרזע' פון די נייע מיטאַ־בעטער האָט מען ניט אריינגעשטעלט די ליינס אין איין קאָלום און אַ צווייטן און אַזוי איז ארויסגעקומען דער שרעקלאַכער מיש מאַש.

די ענטשולדיקונג איז געוואָרן אָנגעשריבן. די קעסטעלע אויף דער ערשטער זייט איז געווען אויסגעשטעלט, נאָר דאָ האָט ווידער פּאַסירט איין קליינינקייט: אנשטאָט די ענטשולדיקונג זאָל אַריין אין דער באַקסעלע אויף דער ערשטער זייט, איז גאָר אין דער באָקסעלע אַריין ״ אַדווערטייזמענט וועגן מיטלען פאַר געבורטס־קאָנטראָל און די ענטשולדיקונג איז אַריין אין אַ באַקסעלע אויף דער לעצטער זייט, צווישן די אַדווערטייזמענטס פאַר לעוואַיעס“ . . .

אויף מאָרגן האָט זיך שוין דער רעדאַקטאָר מער ניט ענטשולדיקט, נאָר געסעטלט דעם סטרייק.

וואס איז ליבע ?

אין א שבת נאכט זיינען זיך צוזאמענגעקליבן פריינד, בעקאנטע, שכנים און לאנדסלייט צו באזוכן די נייע היים פון דער יונגער פארל מיסטער און מיסעס מילשטיין.

נאכדעם ווי זיי האבן צעקנאקט אלע ניסלאך, אויסגעטרונקען דעם וויין, באטאפט אלע פרעזענטן, די פארניטשור, דעם ספרינג דעם מאטראץ, די וואש ברעטלאך און אנגעקוקט די באד רום מיט די הייסע וואסער, איז מען דאן זיך צעפארן אין א דעבאטע, וואס איז אזוינס ליבע ?

— ליבע, מיינע פריינט, — האט אנגעפאנגען א יונגערמאן — איז א געהיימנים וואס קען ניט אויפגעדעקט ווערן פון אונזערע קליינינקע מענטשלאך.

— טא שוויגט ! — האט א שיינע מיידל אים איבערגעשלאגן די רייד. — אויב פאר אייך איז דאס א געהיימנים, טא רעדט ניט, וועט שוין די ליבעריידן פאר זיך אליין. אט צום ביישפיל, — האט דאס מיידל זיך גענומען גלעטן איבער די ברעמען — ווען א בחור דערקענט נאך א מיידלס ליפן, ווען איר דארשט נאך א אייז קרים סאדע, אדער ווען א מיידל וואס האט ערשט איבערגעפארבט אירע ליפלאך באגעגנט פלוצלינג איר בחור פון איבעראשונג פארגעסט זי אינגאנצן אן דעם רעזולטאט פון אירע ליפן און קנאקט אים אריין א קוש איז פיסקעלע, דאס, מיינע פריינד. איז ליבע.

— ניין — האט זיך א קייקל געטאן אויפן שטול א מאן פון א דריי הונדערט פונט. אריינווארפנדיק א עפל אינטערן באק. — וואס איז ליבע, וועל איך אייך זאגן : אמת'ע ליבע איז דאס, ווען דער מאן קומט אהיים נאך א שווערן טאג ארבעט, גיט א עפן די טיר און דערזעט גלייך שטייענדיק פאר זיינע אויגן אויפן טיש א ברויט, א חלה, א פאמפערניק א טוצן ראלס מיט א טוצן בייגל,

אַרום דעם איז אַרומגעטרימט אַ טעלער רעטאַך, ציבעלעס, טאָמיי־טאָס מיט אַ צווייַ עריגנג, אויפן אייוון בראָט זיך לעבערקעס מיט גרייווי, פון אַ גרויסן טאָפּ סטאַרטשעט אַרויס אַ פּאַלקע פון אַ קאַטשקע און אין אַ צווייטן טאָפּ וואָרפּט זיך אַ געפּילטע קישקע, וואָס רייכט אייך ממש אויף דעם מויל און ווי דער מאַן טרעט אַרי־בער די שוועל, גיט אים די ווייב אַ צי אַרונטער די שיך, אַ שטופּ אַרויף די פּאַנטאָפּל. און אַ רוק אונטער די לעבערקעס מיט די גרייווי, צעוואָרפנדיק דערביי אַ ראַדיאָ קוש מיט אַ זיסן שמייכל, אַ זעט איר, דאָס איז ליבע!

— מנע, — האָט זיך אַ אַלטע אידענע אָן ציינער צעלאַכט, — איך האָב שוין מיט גאָט׳ס הילף באַגראָבן זעקס מענער, און וואָס איז ליבע פרעגט מיר, אמת׳ע ליבע, מיינע טייערינקע, קען מען זאָגן איז דאָס, ווען דער מאַן מאַכט אַ פּאַליסי אויף דער ווייב׳ס נאָמען און ער אַליין שטאַרבט אין צייט, אַז זיין געטרייע ווייבעלע זאָל קענען הנאה האָבן פון דעם געלט . . . דאָס איז, מיינע טייע־רינקע, אמת׳ע ליבע!

— נ־ו־נו־ — איז איינער אַ זאַאיקע אויפגעשפּרונגען און גענומען שטאַמלען מיט כּם — נ נ י י ן ן נ י י ן ן א א י ה ר ר וו וו יי ס ס ט ט ק ק ק ק יי נ נ ע ר ר נ נ י ט וו וו וו אָ ס ס איז ז ל ל ל ל ל ל י ב ע פּ פּ פּ פּ ר ע ג ט מ מ מ מ י ר וו וו ע ל איך איך זזז אָ ג ן אַ זזז אזזז אזזזז אַ וו וו יי ב האָט ג ג ג ג ע ד ו ל ד ט צ צ צ ו הערן וואָס דער מ מ מ מ אַ ן ה אַ אָ אָ ט איר צו ז ז ז אָ ג ן, ד ד אָ ס איז ל ל י ב ב ע ! !

— דאָס איז געפּאַנפּעט — האָט דער שדכן פון דער יונגער פּאָרל אַרויסגעטאָנפּעט. — ווילט איר וויסן וואָס איז ליבע? פרעגט מיר. דאָס איז דאָך עפּעס מיינע ביזנעס. אמת׳ע ליבע איז האָט וואָס: ווען איך ברייננג צוזאַמען אַ פּאָרל, און אין אַ האַלבע שטונדע אַרום ווינקען ביידע צו מיר, אַז איך מעג שוין אַוועקגיין, דאָס מיינט אַז איך האָב שוין ניט וואָס צו ריידן, די ליבע רעדט שוין אַליין פאַר זיך. איר פאַרשטייט, דאָס הייסט ליבע!

— דאָס איז אויך געפּאַנפּענט, — האָט זיך צעלאַכט א יונגערמאַן, — ווייסט איר וואָס איז ליבע ? ליבע איז ליבע ! האָט צום ביישפּיל א מאַן קומט אהיים פאַר דינער, שליסט אויף די טיר און טרעפט זיין פריינד קושנדיק זיין פרוי און ניט וועלנדיק אָפּברעכן די פריינדשאפט מיט דעם פריינט און דער פרוי, פאַרשליסט ער צוריק די טיר, ניט שטערנדיק דער פרוי׳ס פאַרגעניגן און ער אַליין גייט אריין אין א רעסטאָראַנט עסן, האָט דאָס מיינט ליבע.

— ליבע, אַך ליבע ! — האָט א יונגער פּאָעט פאַרוואָרפן זיין קודלעוואַטע קאָפּ האָר, פאַרגלאַנצט זיינע אויגן צום שענדעליר און אָנגעפאַנגען צו דעקלאַמירן —

וואָס איז ליבע ?

א בחור, א מיידל
עס ליבן זיך ביידע
מ׳פרעגט ניט באַם טאַטע
באַם מאַמע, באַם זיידע.

מ׳שטעלט אַפּ א חופּה
פאַראייניגט איז ביידע.
ער זאָרגט פאַר גראַמען
און זי פאַר די פּיידי . . .

— דאָס איז ליבע ! אמת׳ע ליבע ! שיינע ליבע ! — האָט דער פּאָעט באַטאָנט, און ארונטערגענומען זיינע אויגן פון שענדעליר.

— וואָס האָט צו זאָגן דאָס יונגע פּאָרל וועגן ליבע ? — האָבן אייניקע פון די געסט גענומען פאָדערן.

אין מיטן פון דעם געשפּרעך האָט זיך צעעפנט די טיר און א שרעק איז אָנגעפאלן אויף אלע פארזאמלטע. א שכן איז אריינגעקומען איבערגעדעקט מיט א בלויע קאָלדרע, די אויגן האלב פארמאכטע און דעם מויל צעעפנט.

— דו זיצט דאָ ! — האָט ער אָנעם געטאָן א פרוי וואָס איז זעהר געווען פארטיפט אין דעם געשפּרעך — א פינסטער האלבע נאכט אויף ד״ר, קום שוין אין הויז, ווייסט ניט אז דו האָסט א מאַן ? קום שוין שלאָפן, קום ! ליג איינער אליין א אוונט אין הויז און קען קיין אויג ניט צו מאכן, קום שוין שלאָפן ! . . . — האָט ער איר אָנעם געטאָן פאר די האָר און ארויסגעשלעפּט פון הויז.

ווען די געסט זיינען צו זיך געקומען, האָבן אלע אין איין קול אויסגעשריען — דאָס איז די אמת'ע ליבע ! . . .

פאַלש, פאַלש, פאַלש

אין ווײַן הויז פון פאַלשמאַן זײַנען געזעסן קאַוואַליערן און דאַמען און זיך לוסטיק געמאַכט, איז אַרײַנגעקומען אַ יונגער קאַוואַליער מיט פאַרגאַסענע אויגן, בײַ זײַן אָרים איז געווען צוגעקניפּט אַ דאַמע מיט פאַלשע האָר, פאַלשע צײן, פאַלשן חן, און פאַלש אין אויסזען.

אײן שאַמפּאַניער ! — האָט דער קאַוואַליער אויסגעשריען צום קעלנער.

דער קעלנער באַטראַכט דאָס פּאָרל, און געגעבן אַ אָרדער בײַן באַר — אײן פלאַש ווײַן, — באַמערקנדיק, — א ו י ב דיזער דומער קאַוואַליער, קען בעטראַכטן דיזע פאַלשע דאַמע פאַר אַ ליבּ'סווירדיקע פרײַלײן, דאַן וועט ער קענען פאַרנוצן ווײַן פאַר שאַמפּאַניער . . .

דער האַלב שכור'ער שאַמפּאַניער־טרינקער האָט שנעל דערקאַנט דעם שווינדל, און האָט בעצאָהלט פאַר דעם שאַמפּאַניער מיט אַ פאַלשן טשעק . . .

אין צוויי וואָכן שפּעטער איז דער קאַוואַליער אַרעסטירט געוואָרן אַלס שווינדלער פון פאַלשע טשעקס.

אַ אונטערזוכונג אין זײַן הויז האָט באַשטעטיקט אַז ער איז אויך אַ פאַלשער קאַוואַליער, ווײַל ער האָט אַ פרוי מיט קינדער . . .

דער אַרעסטירטער האָט באַוויזן מיט אַ פרײַנט, אַז ער איז ניט דער שווינדלער וועמען מ'זוכט. אָבער באַלד איז זײַן פרײַנט אַרעסטירט געוואָרן אַלס פאַלשער עדות, און זײ זײַנען בײדע אײַנגעשפּאַרט געוואָרן אין פּריזאָן פאַר פאַלש שווערן . . .

אין צוויי טעג שפּעטער זײַנען בײדע אַנטלאָפן פון פּריזאָן,

אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז די וועכטער זיינען פאַלש געווען דעם געזעץ . . .

— — — — — — — — — — — —

ווען איך האָב מיינעם אַ פריינד דערציילט דיזע פּאַסירונג — האָט ער מיר געענטפערט אַז די גאַנצע געשיכטע איז אויך אַ פאַל־שע . . .

אַ אינשורענס אַגענט.

אזוי גיך ווי איך האָב זיך באַקאַנט מיט מיסטער נודעלמאַן און ער האָט זיך אַביסל צערעדט, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען אַז דער בחור דאַרף זיין אַ אינשורענס אַגענט. ווארים פּונקט ווי יעדער גראָבער יונג וויל ווערן אין אַמעריקא אַ פּרעזידענט אין אַ שול, אזוי ווערט דאָ יעדער נודניק אַ אינשורענס אַגענט. און איך האָב געטראָפן.

נודעלמאַן דער אינשורענס אַגענט איז אָבער ניט געווען גלאַט אַ נודניק, געווען איז ער גראדע אַ געבילדעטער מענש און דערפּאַר טאַקע האָט ער געגודיעט אין פאַרשידענע שפּראַכן, און ווי איז געווען צו דעם וואָס איז אריינגעפאַלן אין זיין מויל. האָט ער ניט געקענט קריגן קיין פּאָליסי אין אידיש האָט ער גערעדט טערקיש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, טאַטעריש, אַ פּאָליסי האָט שוין זיין קרבן געמוזט נעמען.

לאַנדסלייט פלעגן זיך שרעקן פאַר אים ווי פאַר טיפוס. האָט מען אים באַגעגנט אויף איין זייט גאַס איז מען באַלד אַנטלאָפן פון אים אויף דער צווייטער זייט, ווארים אַלע האָבן שוין געוואוסט. ווער עס זאָגט אים גוט מאָרגן וועט שוין מוזן זאָגן אַ גוטע נאַכט און ברייגנען אַ היים אַ פּאָליסי אויפן לעבן.

נודעלמאַן האָט באַלאַנגט צו פילע סאָסייעטיס און ארבעטער רינג ברענטשעס און איבעראַל האָט ער געהאַט זיינע קרבנות.

אזוי גיך ווי מ'האָט נאָר אריינגענומען אַ נייעם מיטגליד אין אַ סאָסייעטי, פאַרשריבן זיין נאָמען אין די ביכער, האָט דער קאַנדידאַט גלייך געמוזט דורכמאַכן אַ עקזאַמענייישאַן פאַר אַ פּאָליסי ביי דעם איבעראַל אַנערקענטן נודעלמאַן נודניק.

צווישן זיינע קרבנות איז אים דאָך איינמאָל געלונגען צו כאַפּן א לאַנדסמאַן און האָט ער אים נעכאַפּט האָט ער אים שוין ניט אַפּגעלאָזן, געווען איז דאָס נאָך דעם ווי מ׳האָט דעם לאַנדסמאַן איינגעשוואָרן אַלס מיטגלידער אין איינעם פון זיינע סאָסייעטים. ווי נאָר דער לאַנדסמאַן איז אַרויס פון טשערמאַנס האַנט, האָט נודעלמאַן אים אָנעם געטאָן אין א ווינקל און גענומען מיט אים איינ׳טענה׳ן:

— ווי איך זע, גייט איר אַריי׳ אין סאָסייעטי צו באַזאָרגן זיך מיט א פּלאַץ נאָכן טויט. דאָס מאַכט גראָדע ניט אויס. יעדער מענטש דאַרף א קבר פונקט ווי עסן. די קרקע אונזערע איז גראַדע ניט קיין שלעכטע, אָבער פונדעסטוועגן דאַרף א מענטש זיך אויך באַזאָרגן באַם לעבן. ווארים מ׳איז דאָך ניט מער ווי א מענטש. האָט מ׳גייט אין גאַס, אַמאָל פאַרט א מאַשין איבער. אַמאָל א טריין אומגליק, א מאָל פאַלט נאָר א שטיק סילינג אין קאָפּ אַריין און א מאָל קענט איר גיין אויפן גלייכן וועג און ווערן דער׳הרג׳עט. מאַלע וואָס ס׳קען זיך מאַכן מיט א מענטשן, אַמאָל גלאַט אַזוי זיצט איר אין הויז און קריגט א פּאַפּלעקסיע, פאַרשטייט זיך אַז דאָס אַלץ מוז א מענטש האָבן אין זינען. היינט וואו איז א פרוי, א קינד? האָט לאָמיר זאָגן איר לייגט זיך היינט שלאָפן און שטייט ניט אויף. זאָל זיך אַזוי ניט טרעפן ווי עס טרעפט, טאָ וואָס זאָל טאַקע געבעאָך טאָן אייער אומגליקלאַכע פרוי און קינדער. זי בלייבט דאָך פּשוט אָן סאַפּער פאַר מאָרגן! היינט פאַרגעסט ניט, דאַרף זי נאָך צו אייך אויך האָבן א פּאָר גראָשן, ווי אויסריכטונג, א מצבה א ליכטל, א שמש, א שול? זי וועט דאָך אייך געווים האָבן אַלע מאָל אין זינען, טאָ פאַר וואָס זאָלט איר אייער פרוי ניט האָבן אין זינען?

דער לאַנדסמאַן איז געזעסן ווי פאַרגליווערט און נודעלמאַן נודניק האָט געהאַלטן אין איין מאָלן טרויעריקע בילדער.

נאָר צו פאַרדאַנקען דעם דזשעניטאָר וואָס איז אַריינגעקומען אין צייט צו פאַרלעשן די ליכט איז געלונגען דעם לאַנדסמאַן זיך

צו ראטעווען פון חלש'ן און ארויסגיין מיטן לעבן פון דעם נוד־ניקס מויל. צוזאגנדיק אים בא דעם נעקסטן מיטינג צו נעמען אויף זיכער א פאליסי.

נודעלמאן־נודניק האט אבער ניט געווארט ביז נעקסטע וואך. נאר טאקע באלד צו מארגנס אין דער פרי, ווען זיין לאנדסמאן איז נאך געשלאפן, האט ער שוין אנגעקלאפט אין טיר, און ניט טרעפנ־דיק דעם מאן, האט ער גענומען בעווייזן דער פרוי ווי וויכטיג עס איז פאר איר זי זאל צוריידן דעם מאן צו נעמען א פאליסי.

— האט הערט — האט ער איר א כאפ געטאן פאר א ברעג פארטוך, — יעדער מענטש מוז זיך אינשורען, ווייל א מענטש איז נעגליכן צו א שניי. האט גייט ער און האט פאלט ער. און וואס טאקע טוט איר ווען אייער מאן גיט פלוצלינג א פאל, — איז אוים מאן און אוים ברויט. זיינט איהר אבער אינשורט, קריגט איר געלט, קריגט א שידוך, האט איר ברויט און דעם מאן אין דר'ערד. איר פארשטייט צו ניין ? . . . שוין דאס אליין וואס אייער מאן וויל זיך ניט אינשורען, בעווייזט אז אים קימערט ניט פאר אייך און די קינדער. און אפשר ווער ווייס — האט ער א ווינק געטאן מיט א אויגל — אין אמעריקע טרעפט אלץ און איך ווייס פון פילע פעלע, וואו מענער ווערן זיך פאר געליבטע טאקע אינשורן אבער די אייגענע ווייב האבן זיי אין דער אדמה . . .

אזוי האט נודעלמאן געהאלטען איר אין איין איינריידען איר אלץ האלטנדיק פאר'ן ברעג פארטוך.

אין בעדרום איז געלעגן דער לאנדסמאן און עס האט אים געווארפן ווי אין פיבער טראכטנדיק וואס צו טאן מיט דעם נוד־ניק, וואס איז געקומען איבער א פאליסי אים מאכן א בייז לעבן.

דאס ערשטע זאך וואס ער האט געקראגן אונטערן האנט איז געווען א גרויסע פיקטשור פריים מיט א גלאז וואס איז געשטא־נען צווישן דרעסער, ער האט דאס מיט כעס א נעם געטאן און ווי א פלינקער פורמאן ווארפט ארויף דעם כאמוט אויף א פערד, אזוי

האַט דער לאַנדסמאַן די פּיקטשור פריים אַריבערגעוואָרפן מיט דעם גלאָז איבערן קאָפּ פון דעם נודניק און דאַן אים אַרונטערגעקייקלט פון אַלע טרעפּ.

צו דעם נעקסטן סאָסייעטי מיטינג, ווען נודעלמאַן האָט גע־כאַפּט אַ צווייטן קרבן, האָט ער אַנגעוויזן אַ נייעם פאַקט אַז אפילו צו גיין מאַכן אַ פּאָליסי מוז מען אויך אַרויסנעמען אַ פּאָליסי, וואָ־רום מ׳וויים קיינמאָל ניט פון וואַנען מ׳קען פליען . . .

אַי, אַ טעלעפאָן

ווי גיך דער מילכמאַן האָט גענומען קלאַפּן מיט די מילך פלעשער אויף די טרעפּ האָט ספּיוואַק געוואָרפן זיין מיידל דעם לעצטן קוש פאַרזיכערנדיק איר אַז נעקסטן מיטוואָך וועט ער איר אָפּרופן צו זי זאָל וואַרטן פאַר אים.

מיטוואָך האַלב נאָך זעקס האָט ספּיוואַק מיט אַ פריילאַכן פּנים אַריינגעוואָרפן אַ ניקל צו אָנזאָגן זיין מיידל זי זאָל וואַרטן פאַר אים, ווייל ער קומט!

— העלאָו, העלאָו, — האָט ספּיוואַק אונגעדולדיק אָנגעפאַנגען צו קלינגען די הענטל, און ער האָט דערהערט דורך דעם טעלעפאָן אַ געשפּרעך וואָס האָט אים געמאַכט אינגאַנצן צו פאַרגעסן אַן דער מיידל.

— העלאָו! איז דאָס ספּרינג פייף אָוו, אָוו, אָוו (5000)?

— העלאָו, נעמט אַוועק דעם הינטל, וועל איך הערן וואָס איר רעדט.

— העלאָו, פייף אָוו אָוו אָוו ספּרינג, יע ספּרינג, וואָס דען טשיקן?

— העלאָו, פּליז גערעף די ווייער, איך בין זייער ביזי, איך דאַרף אַ דאָקטאָר, מיין ווייב גייט צו צו צו . . .

— העלאָו, „גערארע יוסעלף", יע, דאָס איז קאָהן, מיסעס קאָהן יו וואָנט מיס קאָהן? ניטאָ קיין מיס קאָהן ביי אונז, איך האָב בלויז באָיעס. איך האָב ניט קיין מיידלאַך פאַר אייך מיסטער.

— העלאָו וואָס? וואָס? איר ווילט אָפּברעכן דעם שידוך.

— העלאָו, ברעך דעם קאָפּ. גיי אַרונטער פון ווייער.

— העלאָו! מאַמאַ, מאַמאַ, וואָס מאַכסטו? דאָס איז זעלדע, יע זעלדע.

— העלאָ, וואָס פאַר אַ זעלדע? דו ווילסט מיר אָפּנאַרן? דו ביזט דאָך גאָסי, העלאָ גאָסי, וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכט דיין מאַן און קינד?

— העלאָ, יע זעלדע, זעלדע. די שוויגער איז קראַנק, מוז איך גיין צו איר.

— העלאָ, איז דאָס פּייף אָוו אָוו אָוו?

—— העלאָ. ווער רעדט דאָס דאַרטן אַ הונט? הא, דאָס ביזטו דזשייק? העלאָ, העלאָ, וואָה מאַכסטו? דאָס איז מיס קאָהן!

— העלאָ. דאַרלינג, וואָס האָט דיין מאַמע מיר אַזוי באַליי־דיקט היינט

— העלאָ, יע אויב דו קומסט ניט אַ היים גלייך גיי איך אַוועק

— העלאָ, ווער רעדט דאָס דאָרטן?

— גאָסי!

— דזשייק

— זעלדע!

— מיסעס קאָהן,

— העלאָ, גאָסי!

— העלאָ, דאָס רעדט זעלדע,

— העלאָ, דזשייק דאָס ביזטו?

— העלאָ, העלאָ. פּייף אָוו אָוו אָוו. יעס דאָס בין איך גאָסי, גאָסי.

— העלאָ, גערארייע די ווייער. דאָס רעדט מיסעס קאָהן, מיסעס קאָהן, איר ווילט מיס קאָהן? העלאָ איך וויל דעם בור־טשער, בוטשער! בוטשער!

— העלאָ. ניין, איך בין ניט קיין בוטשער, איך בין אייער טאָכטערס באָי, העלאָ. דאָס איז דזשייק.

— העלאָ, דזשייק דער בוטשער?

— העלאָ, ניין, דזשייק דער חתן,

— העלאָ, וואָס מאַכט דיין ווייב, דיין קינד?

— העלאָ ווער רעדט דאָס?

— מיסטער קאהן.

— מיסעס קאהן,

— מיס קאהן !

— העלאו. מיס קאהן !

— העלאו מיסטער קאהן

— העלאו, מיסעס קאהן

— העלאו, פייף אוו אוו אוו ספרינג, ספרינג. וואס דען מאט־ראצ ? איז דאס קאהן ?

— העלאו, טייערע, וואס מאכסטו, איך האב דיר קוים גע־קראגן אויפן ווייער. איך האב א גאנצע נאכט גע׳חלומ׳ט פון דיר.

— העלאו. סיי, באמער, גיי ארונטער פון ווייער, ווארים איך צופאטש דיר באלד, וואס ערקלערסטע מיר זאך אין ליבע ? איך האב דאך שוין עלטערע קינדער פון דיר.

— העלאו, א, איר וועט מיר ענטשולדיקן, דאס איז גאר מי־סעס קאהן ? דאס רעדט דזשייק איך האב געוואלט ריידן צו מיס קאהן מיס קאהן, מיס קאהן. יעס, מיס קאהן מיס מיס, מיס מיס קאהן זאל אייך מיעס ווערן דער לעבן.

— העלאו דא רעדט דזשייק. העלאו, דירי, דאס ביזטו ?

— העלאו. איך האב ניט קיין דירות פאר אייך, איך זוך אליין עפעס א גוטע דירה, העלאו, יע, דאס רעדט היימע קאהן.

— העלאו, קאהן, וואס מאכט איר ?

— העלאו

— העלאו, יעס דאס איז ספרינג פייף אוו אוו אוו.

— העלאו, וואס הער איך, איר האט שוין אויך א הינטל ?

— העלאו, וואס מיר הינטל ווער מיר הינטל, גיט מיר צוויי קעלבערנע פיסלאך מיט א שטיקל הארץ.

— העלאו, טייערע דאס איז דזשייק איך גיב דיר מיין ווארט אז דו האסט מיין הארץ

— העלאו, דאס איז ניט דער בוטשער ? איך האב געמיינט איך רייד צום בוטשער. העלאו, בוטשער, בוטשער גיט מיר א שטיקל הארץ מיט צוויי פיסלאך.

— העלאָו, מאַמאַ, דאָס איז זעלדע. שוין אַ שטונדע ווי איך שטיי לעבן טעלעפאָן און אַלע מינוט אַקט מען מיר איבער, העלאָו? העלאָו?

— העלאָו, יעס דער בוטשער. דער בוטשער, וואָס ווילט איר??

— העלאָו, גיט מיר פּיסלאַך און — — —

— גאָסי

— דזשייק

— האַרץ

— קאָהן

— ביינער

— זעלדע

— העלאָו, העלאָו, ספּרינג פּייף אָוו אָוו אָוו — — — —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

ענדליך האָט ספּיוואַק געקראָגן דעם טעלעפאָן נומער — די מיידל האָט ער אָבער מער ניט געקראָגן!

ער האָט ניט געשוויגן . . .

ווען די אַרבעטער האָבן אין דער פרי דערזען אייבקען אין שאַפּ, מיט אַ צעקראַצטן פּנים, צעריסענעם נאָז און צעקודלטע האָר, האָט יעדער פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז געשען.

אייבקע האָט זיי ניט געלאָזט לאַנג טראַכטן און האָט זיי צוגעזאָגט מיטאָג־צייט זיי אַלץ צו דערציילן. דערוויל האָט ער אָבער פאַרזיכערט, אַז „פּאַגרעם" מעג ברעכן אַ פּוס.

מיטאָג־צייט, בעפאַר אייבקע האָט נאָך פאַנאַנדערגענומען זיין פּעקל עסן, האָט ער זיך גלייך צע'דבר'ט :

— איר הערט, הלואי וואָלטן אַלע אידן געווען „טאַליענער", אַ פאַרגעניגן, זאָג איך אייך : דער ווייב שיקט מען צו דער אַרבעט, און אַליין רויכערט מען די ליולקע און טאָמער כאַפּט זי אַריין אַ פּאָר טשמעלעס אין פּיסק אַריין, מוז זי אויך האַלטן ס'מויל. אָבער ביי אונז, איר זעט ? — האָט אייבקע אָנגעוויזן אויפן נאָז, — „פּאַגרעם". איך האָב מיין פּלונית'טע געגעבן אַרים אין זייט, האָב איך איצט אַ פּנים . . . נאַדיר פּרויען־רעכט. אַ געשוואָלענע באַק דעם אין צורה וואָס האָט דאָס אויסגעטראַכט אויף דער וועלט.

אייבקע האָט גענומען אָפּנעצן די ליפּן און טשאַרלי האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ וואָרט.

—וואָס הייסט עפּעס, דו האָסט איר געגעבן אַ ריס אין זייט ? וואָס איז זי אַ קאַץ ?

— נו, און דו האָסט נאָך קיינמאָל ניט געשלאָגן דיין ווייב ?

— האָט אייבקע מיט פאַרוואונדערונג אַ פרעג געטאָן. — אין יענע יאָרן וואָלסטו דאָך געזעסן אין אַ משוגעים־הויז, וואָס הייסט ניט געבן קיין קלעפּ ? ביי מיר איז אַ ווייב געגליכן צו קרים : מ'מוז שלאָגן . . .

— פאַרוואָס איז דאָס געווען ? — איז הערשל אים אַריינגעפאַלן אין די רייד.

— אַט וועל איך דיר באַלד דערציילן — האָט אביקע אַ שלונג געטאָן אַ האַלבע טאָמייטע, — און דו וועסט אַליין צוגעבן, אַז איך בין גערעכט. ביי מיר אין האַל האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַ חברה און ווילן ניט צאָלן קיין רענט. קומט מען אַריין צו מיר פרעגן, וואָס האָב איך צו זאָגן. ווייסט איר דאָך, אויף ניט צאָלן קיין רענט בין איך אַ בעלן . . . ווארום אין יענע יאָרן האָב איך נאָך געקראָגן קוילן אויך אָן געלט. און פון אַ שנאַפּס ביים לענדלאָרד איז דאָך אָפּגערעדט. אַלזאָ, איז געבליבן ניט צאָלן; אויף מאָרגן קומען ווידער די זעלבע חברה און מ׳בעט ביי אייבקע׳ן „סיקיוריטי״. נו, האָב איך זיך געטראַכט. אויב איר גלויבט מיר שוין ניט, האָב איך אייך אין דער אדמה און אַוועק צום לענדלאָרד און געמאַכט מיט אים אַ „נאַגרימענט״ מיט אַ שנאַפּס . . . כ׳קום אין הויז געפין איך אויס, אַז זי איז אַ פּאַרטנערקע צו דער „יוניע״ און האָט שוין געגעבן „סיקיוריטע״. נו, האָב איך גענומען געבן קלעפּ. וואָס דיינקט איר האָט זי געטאָן ? גענומען שרייען. דאָ בין איך געוואָרן נאָך מער אין כעס. „דו שרייסט נאָך אויך ?״ און איך האָב גענומען „פּאָדאַוועץ״, אַזוי ווי אין יענע יאָרן.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, — האָט אייבקע צעכראָמטשעט אַן עפּל און זיך אַ טאַפּ געטאָן פאַרן׳ נאָז, — אַלע שכנים פון אַלע פיר פלאָרס זיינען באַלד געווען ביי מיר אין הויז, און איר מיינט מיט ליידיקע הענט ? וואו נאָר אַ שטעקן, אַ ברום און אַ טאָפּ, זיינען מיר געפלויגן אין פּנים אַריין.

— נו, און דו האָסט געשוויגן ? — האָט טשאַרלי געשפּאָסט.

— איך האָב שוין גאָר ניט געשוויגן, — האָט אייבקע זיך געהאַלטן ביים זייט, — מיינע קולות האָט מען געקענט הערן פאַר צען בלאָק ווייט. אָבער געבן צוריק, דאָס, ברידערלאָך, איז ניט געגאַנגען. ס׳איז ניט יענע יאָרן . . .

ארייגעפֿאָרן . . .

אזוי גיך ווי עס האָט זיך דערהערט דער פֿייף וואָס זאָגט אָן מיטאָג צייט, האָבן זיך אַלע ארבעטער אַ כאַפּ געטאָן צו זייערע פּעקלאַך עסן, געשניטן די ציבעלעס, צעריסן די הערינג און צעשמירט די פּוטער אויפֿן ברויט.

אייבקע ריקווערטס איז אָבער געבליבן שטום זיצן אין זיין ווינקל ניט ריידנדיק זיך אפֿילו פֿון אָרט און ווי אַן אַפּעטיט געשלונגען די פּיקל מיט ברויט, האַלטנדיק אַרונטערגעלאָזן דעם נאָז.

טשאַרלי האָט דאָס באַמערקט און שטיל אַרייַנגערוימט הערשלען אין אויער: — אייבקע איז היינט עפּעס ניט מיט אַלעמען.

— ער וועט באַלד זיין אָלרייט! — האָט הערשל געשמייכלט, אַרויסנעמענדיק אַ פֿלעשעלע מיטן „זיסן טראָפּן".

אייבקע האָט שנעל דערשמעקט . . . און האָט זיך אַ לאָז געטאָן, ווי אַ קאַץ צו סמעטענע . . . ווען אייבקע האָט באַנעצט זיינע ליפּן האָט ער זיך, ווי שטענדיק, צע'דבר'ט:

— נאַ דיר אַ „פּאָגרעס" — האָט ער אַ פֿאָכע געטאָן מיט דער האַנט און פֿאַרנומען אין פֿלען אַ שטיק קנאָבל־וואורשט; — וואָס זאָגסטו ניט וועגן אזאַ חוצפּה פֿון אַ פּאַסקודניאַק, ווי אונזער באָס? געווען אין שאַפּ, אַרומגעדרייט זיך, און מיך קען ער שוין גאָר ניט

אין יענע יאָרן וואָלט ער מיר ניט אַריינגעשטעקט זיין לאַפּע מיט אַ ברייטן גוט־מאָרגן? און היינט, ווען ס'איז „פּאָגרעס", „יוניאָ" איז אייבקע ניטאָ מער, אויסגעשפּילט.

אין יענע יאָרן פֿלעגט ער דאָך מיך אַריינרופֿן אין בעסטן סאַלון און הייגט פּייפּט ער אויף מיר. האָט אַ „יוניאָ" מיט „ראַדיקאַלן" און מ'צעטלט שוין אָן מיר . . . און איך דאַרף שטיין ווי אַלע און מאַכן אַ „סטענאַרד אָף פּאַראַבישן".

— דו מיינסט אַ „סטענדאַרד אָף פּראָדאַקשאָן" — האָט טשאַרלי אים אונטערגעכאַפּט.

— וואָס איז דער אונטערשייד ? — האָט אייבקע פּאַר כעס איינגעשלונגען אַ פּעפּערל און ווייטער גע׳דבר׳ט :

— יע, אין יענע יאָרן פון שטיק־אַרבעט איז געווען אַ לעבן. אַז האָב איך דאַן געפירט „שטיק" אין שאַפּ. אייבקע איז געווען אַ באָס פאַר זיך. און אַזאַ „ראַדיקאַל" ווי טשאַרלי האָט פאַר מיר געשלעפּט די קעסעלאַך ביר, ווי אַ קבצן די פּיס . . . און היינט ווערט יעדער גאָרנישט אַ „יוני"־מאַן און לאַכט פון אייבקען.

איר הערט — האָט אייבקע זיך צעשריען, שלינגענדיק אַ לאָקס־סענדוויטש : — איך מוז נאָך ווערן אַ „נאַקטיוועד" מענטש און אויספירן אין דער „יוני" צוריק שטיק־אַרבעט. זאָל אַזאַ „באַבאָס" וויסן, אַז איך בין אים קיין מענטש ניט . . . אַז איך בין אַ „באַבאָס" אַליין פאַר זיך.

אין יענע יאָרן — האָט אייבקע פאַר כעס גענומען זופּן פון קעסעלע קאַפע — וואָלט מיר אַ באָס געזאָגט, ווען צו קומען אין שאַפּ און ווען אַוועקצוגיין ? האָב איך געוואָלט, בין איך אַריינגעקומען פינף פאַרטאָג און בין אַוועק אַכט אויף דער נאַכט. און היינט — מ׳גיט אַ פייף, און אייבקע טאָר שוין ניט רעדן אַ וואָרט מיט אַ פאָרמאַן . . .

אין יענע יאָרן אַז איך בין געקומען אין הויז, בין איך געווען אַ גאַסט. אַ־צט שרייט מיין זלאַטע, אַז זי קען פון מיר ניט פּטור ווערן.

יעס, ברידערלאַך ! איצט, אַז איך וועל הערן ביי אַ מיטינג פון דעם „יוני" מאַכער „אַז מיר זאָלן קעמפן פאַר אונזער ציל". וועל איך אים פּליין זאָגן : „אייבקע פייפט אויפן „ציל", אייבקע וויל שטיק־אַרבעט".

— וואָס רעדסטו ? — האָט אים טשאַרלי אַ כאַפּ געטאָן. — דער יוניאָן־פאָרשטייער מיינט ניט קיין ציל־אַרבעט. ער מיינט דעם ציל, צו וועלכן דער אַרבעטער שטרעבט.

— וואָס איז דער אונטערשייד ? — האָט אייבקע זיך גע־נומען צו אַן עפּל. — ווען איך קען, שרייב איך אָן אַ „נאַרטיקל“ פאַר די „פּראָלעטאַריע “ און זאָלן זיי זען, ווער איז גערעכט.

— איבער אַ „גוט מאָרגן“ פון אַ באָס — האָט זיך טשאַרלי צעלאַכט, כאַפּנדיק אַ וואָרט — ווילסטו שרייבן אַ „נאַרטיקל“ פאַר שטיק־אַרבעט ? וואָס קען זיין ? ווען דער פאָרמאַן וועט דיר זאָגן „גוט־מאָרגן“, וועסטו אים ניט ענטפערן.

— אַ מכה דיין באָס מיטן פאָרמאַן צוזאַמען ! — האָט אייב־קע אַרויסגעדונערט.

— וואָס פאַר אַ ווערדע האָט אַ האַלבע מכה פאַר אַזאַ באָס, ווי אונזער ? — האָט הערשל אַ שפּאַס געטאָן .

— טאָ זאָל זיין טאַקע אַ גאַנצע פאַר אים — האָט אייבקע באַטאָנט מיט אַ זופּ קאָפּע, — אין יענע יאָרן וואָלט ער דאָך געציטערט פאַר מיין בליק, און היינט איז ער אַ גאַנצער „ריסטאָ־קראַט“, דער סוואָלאָטש . . .

מיט אַמאָל האָט זיך פאַנאַנדערגעעפנט די טיר פונם אָפיס און דער באָס איז אַריין אין שאַפּ. אייבקע האָט גיך אַרונטער־געשלונגען דעם ביסן, איבערגעלאָזט די אַרבעטער און איז צוגע־לאָפן צום באָס

די אַרבעטער זיינען געבליבן שטיין ווי פּאַראַליזירט, ערוואַר־טענדיק ,אַז אייבקע וועט אַריינפאָרן דעם באָס . . . און זיי האָבן זיך ניט גענאַרט.

אייבקע איז „אַריינגעפאָרן“ דעם באָס אַ ברייטן שלום־עליכם, מיט אַ שמייכל ווי אין „יענע“ יאָרן . . .

אלע גלייך

דעם ערשטן אין דער פרי, ווען דער וואַקינג דעלעגאַט האָט פאַרנומען זיין אַמט האָט ער אויסגעקליבן זיינע קאַמפּליינט קאַרדס און זיך אַוועקגעלאָזט אין זיין דיסטריקט.

אויפן וועג האָט ער באַגעגנט אַן ארבעטער וואָס האָט אים געבעטען גלייך אויפצונעמען זיין קאַמפּליין, ווייל דער באָס האָט אים ארויסגעוואָרפן פון שאַפּ אַן אַ פאַרוואָס.

באַגייסטערט פון זיינע נייע ארבעט און אויפגערעגט איבער די חוצפה׳דיקע האַנדלונג פון באָס, איז דער וואַקינג דעלעגאַט אריינגעשפּרונגען אין שאַפּ ווילד ווי אַ טיגער.

— וואו איז דער באָס ? האָט ער מיט כעס אַ פרעג געטאָן באַ איינעם פין די פּאָרלייט וואָס האָט זיך ארומגעדרייט אונטער די פּיס.

דער באָס האָט זיך גלייך ארויסגעקייקלט פון אָפיס און גע־נומען זיך פאַרדרייען אַ סיגאַר.

דער וואַקינג דעלעגאַט האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט זיינע אויפ־גערעגטע אויגן און ווי ניט מיט זיין קול זיך צעשריען: „בלוט זויגער, מענטשן פרעסער, הויט שינדער, איר זיצט זיך אין אָפיס מיט אַ גראָבן סיגאַר אין מויל און דער אָרימער ארבעטער דרייט זיך ארום אין גאַס אַן אַ שטיקל ברויט, און איר וואָס זיינט רייך געוואָרן פון אים האָט זיך ערלויבט אים איצט ארויסצוואוואַרפן ווייל ער איז שוין גרוי און אַלט געוואָרן.

דער באָס איז געבליבן שטיין ווי צעטומלט פון דעם צעטל וואָס דער נייער וואַקינג דעלעגאַט האָט אים פאָרגעלייענט. ער איז געשטאַנען אַזוי אַ מינוט וואַרפנדיק דעם סיגאַר פון איין זייט

מויל אין צווייטן. און פּלוצלינג האָט ער אָנגעפאַנגען צו שטאַמ־
לען :

— וו־אַ־אַ־ס האַ־ט אי־ר צו מ־יר ?

דער וואָקינג דעלעגאַט האָט ארויסגעכאַפּט די קאָמפּליינט־
קאַרד פון קעשענע און גענומען אים טייטלען מיטן פינגער, נאָט זעט
וואָס איר זיינט.

ווען דער טשערמאַן איז צוגעלאָפן און אריינגעקוקט אין קאַרד
האָט ער אויסגעפונען, אַז דער וואָקינג דעלעגאַט האָט אַנשטאָט
ארופגיין צום באָס א פלאָר עכער, האָט ער דורך א טעות אוועק־
געגעבן דעם „סטאַק"... צו זיין באָס...

ווען דער באָס האָט דערנאָך גענומען פארלאַנגען, אַז דער
וואָקינג דעלעגאַט זאָל זיך פאר אים ענטשולדיקן, האָט דער טשער־
מאַן גוט־ברודעריש א קלאַפּ געטאָן דעם באָס אין פּלייצע : „מיס־
טער גאָלדמאַן, ערגערט זיך ניט, א פלאָר העכער, א פלאָר נידע־
ריקער, אַלע באָסעס זיינען גלייך, און איר ווייסט דאָך ווי מ׳זאָגט :
דאָס וואָס מ׳כאַפּט אריין איז ווי געפונען . . .

וואָס מענער זיינען

טשאַרלי, סעם און מאָריס, דריי גוטע פריינט, האָבן באַשלאָסן אַרויסצופֿאָרן אויף זומער קיין קוני־איילענד. נאָר ווען עס איז געקומען צו נעמען אַ צימער, האָט יעדער פֿאַר זיך אַ זיפֿץ געטאָן וועגן דעם, אַז די קעשענע איז צו פּוסט.

— ווייסט איר גאָר־וואָס — האָט סעם ביידן אַ קלאַפּ געטאָן אין די פּלייצעס, — לאָמיר נעמען צוזאַמען אַ גאַנצן פֿלעט, — וועט אונז אַלעמען קאָסטן ביליג און מיר וועלן הנאה האָבן.

— עס וואָלט געווען גוט, — האָט טשאַרלי צוגעגעבן, — ס'איז אָבער דאָ איין חסרון און דאָס איז, וואָס מיר האָבן אַלע דריי ווייבער.

— איך טראַכט אויך וועגן דעם, — האָט מאָריס זיך צעלאַכט, — ווי וועלן דריי פֿרויען קענען דורכקומען אין איין קיך און זיך ניט רייסן פֿאַר די האָר?

סעם האָט זיי ווידער אַ קלאַפּ געטאָן איבער'ן פּלייצע:

— חברה, איך האָב אַן אַנדער פּלאַן: לאָמיר אַלע אָפּמאַכן, ווער פֿון די ווייבער ס'וועט זיך צוקריגן און קומען זיך באַקלאָגן פֿאַר'ן מאַן, מעג זי זיין ווי גערעכט, זאָלן מיר איר זאָגן, אַז זי איז שולדיג. ווען זיי וועלן איינזען, אַז דער אייגענער מאַן גיט ניט גערעכט, וועלן זיי מוזן לעבן בשלום.

— גוט, — האָבן ביידע צוגעשטימט און גלייך גענומען אַ פֿלעט.

נאָך זעקס מאָנאַטן וואוינען צוזאַמען האָבן די פֿרויען זיך טאָקע ניט געקריגט צווישן זיך. אָבער דערפֿאַר זיינען זיי אַלע געווען צוקריגט מיט זייערע אייגענע מענער פֿאַרוואָס זיי האָבן ניט געקראָגן ביי זיי קיין גערעכטיקייט.

ביי אַ לעקטשור

פונקט האַלב נאָך אַכט דעם זייגער איז דער לעקטשורער, דר. כלאָראָפאָרם, ארויף אויף דער פלאַטפאָרם און אָנגעפאַנגען צו ריידן איבער דער וויכטיקער טעמע: „פאַרוואָס הינער־אייגן זענען ניט".

פונקט ציגן אזייגער איז שוין אַ העלפט פון עולם געשלאָפן און די צווייטע העלפט האָט זיך גענומען הויבן פון די פלעצער.

דער טשערמאַן האָט אַ קלאַפּגעטאָן מיט'ן האַמער, און די פאַרשלאָפענע האָבן זיך אויפגעכאַפּט און אויך גענומען זיך הויבן פון די פלעצער.

דר. כלאָראָפאָרם האָט געהאַלטן די פּוס אין האַנט און זיך אָנגעגאַנגען מיט זיין מויל־אַרבעט.

דער טשערמאַן איז שוין אַרוים פון געדולד, וואָס ער האָלט אין איין ריידן און דער עולם צוגייט זיך, ניט האָבנדיק די מעגליכקייט צו שטעלן אים אַ פראַגע. האָט ער מיט כעס אונטערגערוקט אים אַ צעטעלע: „גענוג, גענודיעט!"

דר. כלאָראָפאָרם האָט צענויפגעדרייט דאָס צעטעלע און אַריינגעלייגט אין וועסטל־קעשענע און ווייטער גערעדט.

דער טשערמאַן האָט אים ווידער דערלאַנגט אַ צעטעלע און ער האָט ווידער אַריינגעלייגט אין קעשענע.

דאָס האָט דעם טשערמאַן נאָך מער דערצאָרנט און ער האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער און אויפן גלאָז אַרויפגעלייגט נאָך אַ צעטעלע.

דער דר. האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַסער, דעם צעטעלע אַריינגעלעגט אין קעשענע און זיך נאָך גענומען מיט מער מוט צום ריידן..

דאָ איז שוין אַ צוהערער אַרוים פון געדולד און אויסגעשריען, וואָס גיט איר אים צעטלאַך, גיט אים מיט'ן האַמער אין קאָפּ אַריין, וועט ער ענדיקן.

די ווערטער האָבן גלייך געווירקט...

ווי ער איז געוואָרן אַ לענדלאָרד

מיסטער גרין איז געווען אַ קבצן אַ איד. געוואוינט אין דריי פינסטערע רומקעלאַך, און האָט קיינמאָל ניט געזען אַ סענט פאַר די אויגן.

זינט ער האָט אָבער אריינגעמופט אין בראָנזוויל האָט ער שטענדיק געהאַלטן אין איין ריידן פון ריעל־עסטייט, געזאָגט דעות וועגן פרייזן אויף רענט, אָנגעוויזן אויף גאַסן, וואָס דאַרפן צור ערשט געבויט ווערן, און שטענדיק זיך נאָר באַקלאָגט אויף די הויכע טעקסעס, וואָס די אָרימע לענדלאָרדס דאַרפן צאָלן.

דער בעסטער פאַרגעניגן איז אָבער געווען פאַר מיסטער גרין ווען ער פלעגט נעמען זיין שטעקן אין האַנט, זיך ארויסלאָזן זוכן הייזער, דורכגיין אַ גאַס און קלאַפן פון װאַנט צו וואַנט, באַ־טראַכטנדיק די שטאַרקייט פון יעדער הויז.

איין טאָג, ווען מיסטער גרין איז זיך אזוי געגאַנגען פון הויז צו הויז און געקלאַפּט מיטן שטעקן צו זען די שטאַרקייט פון דער וואַנט, האָבן אים די פאַרבייגייער אָנגענומען פאַר אַ בלינדן בעטלער, און גוטהאַרציקע מענטשן האָבן אים גענומען שיינקען נדבות.

מיסטער גרין האָט דערזען, אַז דאָס איז אַ גאָלדענער געשעפט, האָט ער אויסגעטאָן די היטל און פאַרטגעזעצט זיין אַר־בעט פון קלאַפּן אין די ווענט.

און איצט איז טאַקע מיסטער גרין אַן אמת'ער לענדלאָרד. ביי טאָג קלאַפּט ער אין די ווענט, קריגט נדבות און קויפט הייזער; ביינאַכט קלאַפּט ער אין די טירן און קאָלעקטעט רענט.

צו טייער באַצאָלט

אַן אַלטער שרייבער, וועלכער האָט מיך באַגעגנט אין גאַס האָט אָנשטאָט אַ שלום עליכם מיר אַריינגערוקט אַ בוך זיינס מיט פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון דרוק.

— וואָס קאָסט דאָס ? פרעג איך אים.

— צוויי דאָלאַר.

— עס טוט מיר זייער לייד, — ערקלער איך אים, — איך אַרבעט איצט גראָד ניט, און צוויי דאָלער איז ביי מיר איצט אַ מיליאָן.

— זאָל זיין איין דאָלער, — גיט ער מיר אַ קלאַפּ איבער'ן פּלייצע.

— אָבער אפילו איין דאָלער איז מיר איצט שווער צו ספּענדן פאַר אַ בוך — זוך איך אים צו באַווייזן.

— ווייסטו גאָר וואָס — גיט ער מיר אַ קלאַפּ איבער דער צווייטער זייט פּלייצע, — נעם דעם בוך, איך גיב דיר אים אַ מתנה.

איך האָב גענומען דעם בוך און פאַרענדיג אים דורכגעלעזן.

אַ צווייטן מאָל, ווען ער האָט מיר געטראָפן און געפרעגט אַ מיינונג וועגן בוך האָב איך אים געענטפערט אין קורצן :

— עס טוט מיר זייער לייד וואָס דו האָסט מיר אַרונטערגע־לאָזן פון פרייז. דו האָסט זיך געדאַרפט האַלטן ביי דיין פרייז. וואָלט איך ניט באַצאָלט אַזוי טייער.

אַ גוטער איינפאַל

אזוי גיך ווי סעמקע האָט אָנגעקוקט דריי רומס פאַר פופציק דאָלער אַ מאָנאַט, האָט ער ארויסגעכאַפּט אַ פינף און צוואַנציקער און געגעבן האַנט־געלט.

ווען זיין פרוי האָט דערפאַרן, וואו ער האָט גענומען רומס, האָט זי זיך פאַר די האָר געריסן.

סעמקע האָט זי אָבער באַלד בארואיקט, — ערגער זיך ניט. ווילסט, קריג איך באַלד מיין געלט צוריק.

סעמקע איז ארויס אויף דער גאַס, האָט צוזאַמענגעקליבן אַ פופצן קינדער, אָנגעזאָגט זיי אַלעמען, אַז זיי זאָלן אים רופן פאַ־פאַ ; דערפאַר וועט ער זיי געבן צו צוויי סענט יעדערן.

צוזאַמענגענומען די אַרמיי, איז סעמקע אַוועק אין זיינע נייע רומס.

ווען די זשעניטאָרקע האָט דערזען די אַרמיי, איז זי פּאַרצי־טערט געוואָרן. — וועמ זיינען דאָס די קינדער ? — האָט זי מיט שרעק אַ פרעג געטאָן.

— מיינע חברה, האָט איר סעמקע געענטפערט — איך האָב זיי געבראַכט אָנצוקוקן מיינע נייע רומס.

— וואָס ? — האָט זיך די דזשעניטאָרקע צושריען — מיט אַזאַ פאַמיליע ווילט איר אריינמופן אין דריי רומס ? איר וועט דאָך מיר מאַכן אַ תל פון הויז, מיסטער, — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער קעשענע : — עס טוט מיר זייער לייד, נאַט אייך צוריק אייער האַנט־געלט, איך קען אייך די רומס ניט פאַררענטן.

סעמקע האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פינף און צוואַנציקער, און איז זיגרייך מיט זיין אַרמיי אַוועק אַהיים . . .

ווייבער בלייבן ווייבער

פאול, א איטאַליענער, און דזשייק, א איד, האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין איין שאַפּ, מאַשין אַנטקעגן מאַשין.

פאול האָט דזשייק'ן געלערנט איטאַליעניש, — דזשייק האָט פאול'ן געלערנט אידיש.

אַפאַרבעטנדיק צוזאַמען עטלאַכע יאָר, איז דזשייק געוואָרן א האַלבער איטאַליענער, — און פאול א האַלבער איד.

די אַרבעטער אין שאַפּ האָבן פשוט מקנא געווען די ליבע פון איינעם צום צווייטן, ווי יעדער מיטאָג־צייט בייטן זיךביידע אוים מיט די מאכלים. דזשייק גיט פאול'ן הערינג, און פאול גיט דזשייק'ן פעפערלאַך.

א צייט שפּעטער האָט מען אויך אויסגעפונען, אַז דזשייק גייט אַרום מיט פאול'ס א קוזינע, און פאול גייט אַרום מיט דזשייק'ס שוועסטער.

און ווען ביידע האָבן חתונה געהאַט מיט זייערע געליבטע, איז נאָך שטאַרקער געוואָרן די ליבע פון איינעם צום צווייטן.

דערפאַר טאַקע איז די איבערראַשונג געווען זייער גרויס, ווען חול־המועד פסח זיינען זיי אַריינגעקומען אין שאַפּ צו דער אַרבעט, און מיטאָג־צייט, אַנשטאָט עסן צוזאַמען, ווי אַלע מאָל, האָבן זיך ביידע צערוקט אין די ווינקעלאַך באַזונדער פאַר זיך.

— וואָס קען דאָס זיין ? — האָבן אַלע מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט זיך אַליין, — שוין צעקריגט זיך ?

ווען די נייגעריקע האָבן פון די ווינקלען זיך צוגעקוקט, האָבן זיי אויסגעפונען די אורזאַך :

די איטאַליענערקע דע'אַנדזשעלאָ האָט מיטגעגעבן איר דזשייק'ן פאַר דינער ספּאַגעטי מיט ברויט — די אידישע יעטאַ האָט מיטגעגעבן פאול'ן פאַר דינער מצה מיט שמאַלץ . . .

פראָגרעס

אַזוי גיך ווי די חברה לצים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ סאָ־סייטי, האָבן זיי באַשלאָסן צו „לויפן" אַ באָל. אַן אַרענדזשמענט קאָמיטע איז באַלד אויסגעקליבן געוואָרן, וואָס האָט געקראָגן דאָס פולע רעכט צו אַדווערטייזן און טאָן אַלץ וואָס איז נויטיק, אַז די ערשטע אונטערנעמונג זאָל זיין אַן ערפאָלג.

האָט זיך די אַראַנדזשמענט קאָמיטע גענומען צו דער אַרבעט, וואו עס איז נאָר געווען אַ טעלעגראַף־סלופּ, אַ פענסטער, אַ פּאַרקאַן, אַ וואַנט, אַ פּושקאַרט, איז געווען פאַרקלעפּט מיט אַ שילד פון דער חברה לצים באָל, און דער באָל איז געוואָרן אַן ערפאָלג.

הונדערטער מענטשן זיינען צוריקגעגאַנגען.

צום נעקסטען מיטינג ווען מ'האָט אויסגערעכנט אַלץ, איז גע־ווען דער רעזולטאַט: טווענטי דאָלער איינגאַמע און פופצן הונדערט דאָלער אויסגאַבן פאַר אַדווערטייזן דעם באָל.

אַ פאָרשלאָג איז באַלד געמאַכט געוואָרן צו מאַכן אַ צווייטע אונטערנעמונג און כדי דעם מאָל זאָל די אונטערנעמונג האָבן אַ פינאַנציעלן ערפאָלג, ניט בלויז אַ מאָראַלישן. זאָל מען זען, אַז די קאָמיטע זאָל מער ניט אַדווערטייזן זיך אַזוי ברייטלאַך, ווי דאָס האָט געטאָן די ערשטע קאָמיטע.

דער פאָרשלאָג איז דורכגעגאַנגען און אַ נייע אַראַנדזשמענט קאָמיטע איז אויסגעקליבן געוואָרן צו אַראַנזשירן אַ פּיקניק און ניט ספּענדן מער קיין איין סענט פאַר אַדווערטייזמענט.

די קאָמיטע האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט און דורכ־געפירט דעם באַשלוס פון דער חברה.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די גאַנצע אַראַנדזשמענט קאָ־מיטע איז געקומען אין טאָג פון פּיקניק אין פּאַרק אַריין, — מער אָבער קיינער ניט . . .

צום נעקסטן מיטינג, איז איינער פון דער אראנדזשמענט קאָמיטע ארומגעגאנגען און שטאָלצירט.

„ס'איז אמת" — האָט ער געזאָגט, — אז מיר האָבן קיין פראָפיט ניט געמאכט, מיר האָבן אָבער אזוי פיל ניט דערלייגט ווי צו דער לעצטער אונטערנעמונג . . . און דאָס איז א באַווייז, אַז מיר מאכן פראָגרעס . . .

ווייער א פיינער מאַן

עני : — זע, סעם, איז דאָס אמת, אז דיין באָס איז א ביגאַמיסט ?

סעם : — גאָט באהיט ! ער האָט געהאַט איין ווייב איז ער אויך אנטלאָפן פון איר . . .

אַלע הייסט א פריינט

— געווען כאָטש א שיינער הספד ? — פרעגט א מאַן ביי א פרוי, וואָס איז ארויס פון שול.

— שייך א הספד, — האָט זיך די פרוי געווישט די אויגן, — אויף אַלע מיינע גוטע פריינט געזאָגט געוואָרן אַזעלכע הספדים. . .

געפונען אַ טרייד

נאָך דריי מאָנאטן צייט ווי איך בין ארומגעגאַנגען ליידיק און ניט פארדינט קיין סענט, בין איך פארבליבן אַ קבצן ביז'ן ביין. אויסער מיין ווייב, די שוויגער און אַ קאַץ איז מיר קיין זאַך ניט פארבליבן אין הויז . . .

און אַזוי, ניט האָבנדיק וואָס צו זיצן אין הויז, בין איך מיר ארומגעגאַנגען מיט מיין ליידיקן מאָגן איבער'ן גאַס. און נאָך אַ גאַנצן טאָג שפּאַצירן, אַז איך האָב דערפילט דאָס איך בין נאָך אַלץ ניט זאַט, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן אריינצוגיין אין אַ רעסטאָ־ראַנט און זיך הייסן מיר געבן אַ סאַפּער, און וואָס גאָט וועט געבן דאָס וועט זיין. קורץ גערעדט, איך בין אריין אין רעסטאָראַנט און זיך מיר אוועקגעזעצט צווישן גרויסן עולם און גענומען עסן אַזוי פאַר דער גאַנצער צייט.

אַז דער ווייטער האָט מיר דערלאַנגט דעם „קאָמפּאָט" צום פארבייסן, האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן : „וואָס וועט דאָ זיין ? ווי דרייט מען זיך ארויס ?" און אַזוי טראַכטנדיק און דערמאָנענ־דיק זיך אַז מיין ווייב זיצט אויף אַ הונגעריקע, און דאָ די שאַנדע וואָס איך וועל באַלד האָבן, האָט דאָס אַלעס מיר שטאַרק פאַר־דריקט ביים הארצן, און אַזוי ניט פּאַספּייענדיק אויסצוזופּן דעם קאָמפּאָט, פאַרוואַרף איך מיט'ן קאָפּ און חלש אוועק אין רעסטאָ־ראַנט ביים טיש . . .

באַלד האָב איך דערפילט אַ קאַלטע גלאָז וואַסער אויפן קאָפּ, און ווי איך האָב געעפנט מיינע אויגן האָב איך דערזען די ווייטערס מיטן באָס מיר מינטערן.

— וואָס איז אייך ? — האָט דער רעסטאָראַטאָר שטיל גע־מורמלט צו מיר, שטייענדיק בלאַס ווי די וואַנט.

— איי־ע־רע פ־י־ש ה־אָ־ט מ־י־ר פערשאַ־אַט ! . . . —
האָב איך אים שטאַמלענדיק געענטפערט.

— וואָס ? — איז דער באָס געוואָרן נאָך בלאַסער און האָט מיר מער ניט געלאָזט ריידן אַ וואָרט, נאָר גלייך מיר אריינגעזעצט אין זיין אַטאָמאָביל און מיר צוגעפירט צום הויז.

ארונטערגייענדיק פון אַטאָמאָביל האָט מיר נאָך דער רעסטאָ־ראַטאָר אריינגעשטופּט אַ פינף־און־צוואַנציקער איך זאָל מאַכן אַ שוויינ און ניט איבעררריידן פאַר זיינע קאָסטאָמער, ווייל דאָס קען נאָך אים שאַטן צו די ביזנעס . . .

— — — — — — — — — — — —

זייט דאַן, דאַנקען גאָט, מאַך איך מיר אַ שיינעם לעבן פון חלש'ן אין רעסטאָראַנטס . . .

פאַרזוכט דעם טעם

יאַנטשע וואָרפער איז געווען אַן אַלטער באָס, וואָס האָט נאָר געערדט מיט אַ באַגייסטערונג פון די אַמאָליקע צייטן איידער ס'איז געווען אַ יוניאָן.

אַ, ווי גוט איז דאָס דאַן געווען אָהן אַ יוניאָן — פלעגט ער זיך אַ גלעט טאָן איבער זיין אויסגעפילטן בייכל — ווען מ'אָט געקאָנט נעמען אַ שנייַ פאַר'ן קאָלנער און אַרויסוואַרפן פון שאַפּ גלאַט אַזוי זיך, ווען מיר האָט זיך נאָר פאַרוואַלט.

און פאַרוואָלט האָט זיך יאַנטשען יעדן טאָג, יעדע מינוט. און ער האָט זיי טאָקע געוואָרפן, ביז ער האָט דערשמעקט יוניאָן ביי זיך אין שאַפּ.

דערפאַר האָט יאַנטשע באַשלאָסן צו ווערן אַ לענדלאָרד. אויב ער קאָן ניט וואַרפן פון שאַפּ, ווייל ער כאָטש האָבן דעם פאַרגעניגן צו וואַרפן די אַרבעטער פון די דירות . . .

איז יאַנטשע אַוועק און געקויפט זיך אַ הויז. און האָט גלייך באַשלאָסן צו מאַכן מופן דעם טענענט, ווייל ער דאַרף די רומס אַלייז פאַר זיך.

האָט יאַנטשע וואָרפער געטאָן אַלעס אין דער וועלט און עס האָט זיך ניט געוואָרפן. און דער טענענט איז פאַרבליבן זיצן אין הויז.

אַז יאַנטשע האָט דערזען, אַז ס'איז שלעכט, ער האָט ניט וואו צו מופן, האָט ער באַשלאָסן צו געבן דעם טענענט צוויי הונדערט דאָלער ער זאָל מופן.

האָט דער טענענט גענומען די צוויי הונדערט דאָלער, אַוועק און איינגעפּאַקט אויף אַ הויז. ווייל קיין רומס האָט ער ניט

געקענט קריגן. איז אָבער געקומען צו מופן האָט ער ניט גע־קענט, ווייל דאָרטן האָט געוואוינט אַ טענענט און צו מאַכן מופן האָט מען אים ניט געקאָנט.

איז אוועק יאַנטשע און האָט געגעבן צוויי הונדערט דאָלער צו יענעם טענענט ער זאָל אים פריי מאַכן די רומס פאַר'ן ערשטן טענענט.

האָט דער טענענט צוגענומען די צוויי הונדערט דאָלער און איינגעצאָלט אויף אַ הויז. געקומען צו מופן — און ווידער דאָס־זעלבע. די הויז איז פאַרנומען.

יאַנטשע איז אַרומגעלאָפן ווי צומישט. דער ערשטער קומט אָן און זיינע רומס ווערן צעוואָרפן. איז ער ווידער אוועקגעלאָפן צום דריטן טענענט און געגעבן צוויי הונדערט דאָלער. אָבער ווידער דאָסזעלבע . . .

און איידער יאַנטשע וואָרפער האָט פאַספּייעט אַרויסצוואַרפן אַ טענענט, האָט מען אים אַליין אַרויסגעוואָרפן אין גאַס . . .

ער האָט ליב דעם קאַמף

בעני איז אַ יונג מיט ביינער, וואָס קען געבן און נעמען אַ קלאַפּ, האָט שוין דורכגעמאַכט פילע סטרייקס, אַלע מאָל זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די גרעסטע געפאַרן אַף דער פּיקעט־ליין.

פינף אַזייגער פאַרטאָג איז ער דער ערשטער אַף דער פּיקעט־ליין. שטעלט איין די ליינס, שטעלט אָפּ די סקעבס, רעדט זיך דורך מיט די פּאָלים, און מאַכט לעבעדיק די גרופּן אַרום אים.

איין פרימאָרגן איז בעני אַרומגעגאַנגען זייער דערשלאָגן, אָנגעכמורעט אַף דער גאַנצער וועלט, ביז ער האָט געכאַפּט איינעם פון די פאַרשטייער און זיך פאַרטרויט פאַר אים — דו ווייסט, עס פעלט לעבן אין סטרייק, ניטאָ יענער ברען וואָס קאָכט אויף די בלוטן באַ די קעמפער, ניטאָ דער אַמאָליקער ענטוזיאַזם וואָס זאָל מאַכן די סטרייקער צו לויפן אין פייער אַריין. איך גלויב — האָט ער גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן דעם פאַרשטייער אין פּלייצע — אַז מען טוט ניט גענוג אָנוואַרימען די נשמות, באַ די אַרבעטער.

אין די רייד איז אָנגעקומען אַ סקעב און געוואָלט אַריינגיין צו דער אַרבעט. בעני איז צוגעלאָפן ווילד ווי אַ טיגער, אַ נעם געטאָן דעם סקעב פאַר דער האַנט, און אין דערזעלבער סעקונדע האָט דער פּאָליסמאַן אַ נעם געטאָן בעני'ן פאַרן קאַרק אַריינגעיאָגט עטלאַכע מאָל מיט'ן קלאָב איבערן פּלייצע און אַרעסטירט.

אין אוונט, ווען בעני איז באַפרייט געוואָרן און צוריק געקומען אַף דער פּיקעט ליין, האָט ער געטראָפן אַ באַגייסטערטע מאַסע.

בעני האָט זיך שוין מער ניט באַקלאָגט, אַז די יוניאָן טוט גאָר נישט צו דערוואַרימען די אַרבעטער. ער האָט דעם טאָג נעבאַך געהאַט קאַלט און וואַרים . . .

געלאַכט מיט טרערן

מיסטער שילער איז געווען אַ בחור וואָס האָט ליב געהאַט צו הויבן הענט, אַזוי אַז יעדער דעבאַטע מיט אים האָט זיך געמוזט ענדיקן מיט קלעפּ.

דאַרף אָבער מיסטער שילער אַנטרעפן אַ מאַן צו דעבאַטירן, וואָס האָט געטראָגן אַ גוטן רעגן־שירם מיט אַ מעשענע הענטל פון אויבן, און אַזוי נאָך אַ קורצן געשפּרעך איז ווי געוויינלאַך די דע־באַטע אַריבער צו קלעפּ. און דער מאַן מיט דעם רעגן־שירם האָט אַזוי לאַנג „דעבאַטירט" איבער זיינע פּלייצעס, ביז מיסטער שילער איז אַוועקגעפאַלן אַ גע'חלש'טער.

ווען מען האָט מיסטער שילער'ן ווי עס איז אָפּגעמינטערט — האָט ער זיך צעלאַכט.

די מענטשן אַרום האָבן אים אַנגעקוקט פאַרוואונדערט. ווער ווייסט, אפשר איז ער אַרונטער פון זינען, און איינער האָט אים אַ פרעג געטאָן :

— וואָס לאַכט איר ? איר האָט דאָך אַריינגעכאַפּט אַזאַ פּאַרציע „באַלעבאַטישע" קלעפּ ?

— וואָס הייסט ? — האָט זיך מיסטער שילער נאָך מער צע־לאַכט אָנווייזנדיק אויפן פּלאַר.

— ער האָט דאָך צובראָכן זיין נייעם רעגן־שירם אויף מיר. דאָס קאָסט אפשר פינף דאָלער, כאַ־כאַ־כאַ.

אַ שפּייער. . .

פון קינדוועיז אָן האָט זיך מר. שילער איינגעוווינט צו שפּייען און אים האָט ניט געקימערט וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, עס האָט געמאָגט זיין אין אַ פּאַלאַץ, אַ באַנק אָדער אַ קאַר. טפוי — פלעגט מר. שילער אַ שפּיי טאָן און זיך אַ ווישׁ געבן איבער די ליפּן.

האָט די ווייב אים אָפּגעקאָכט אַ גוטן סאַפּער, וואָס מר. שילער האָט געגליכן, און זי האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— נו, ווי גלייכסטו עפּעס היינטיגען סאַפּער?

— טפוי, — פלעגט ער אַ שפּיי טאָן און ארויסמורמלען — עס איז גוט — און פאַרענדיקן ווידער מיט אַ שפּיי.

איינמאָל איז מר. שילער מיט זיינעם אַ פריינט ארוים אויף קאַנעל סטריט צו קויפן אַ סוט. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט לעבן אַ שוי־פענסטער און גענומען באַטראַכטן די אַרבעט.

— טפוי, האָט דאָס אַ שייפּ — האָט זיך מר. שילער אָנגעררופן, — טפוי, אָט דאָס איז פּאַקעטס, טפוי, אָט דאָס איז אַ סטייל, טפוי . . .

אָבער דאָ איז דער סיילעסמאַן, וועלכער איז געשטאַנען ביים טיר און דאָס אַלעם צוגעקוקט, ארוים פון געדולד און אָנגעכאַפּט מר. שילער׳ן פאַר׳ן קאָלנער און אים גענומען שאָקלען ווי אַ בוים מיט צייטיקע פרוכט, שרייענדיק: דו פּאַסקודניאַק וואָס דו ביזט. דו וועזט שפּייען אויף אונזער אַרבעט, וואָס אַלע ווייסן, אַז דאָס איז די בעסטע אַרבעט אין ניו יאָרק. נאַ דיר, וועסטו גע־דענקען.

מיסטער שילער האט א צושראַקענער און א האַלב־גע׳חלש׳טער זיך קוים אַרויסגעראַנגעוועט פון דעם סיילעסמאַנ׳ס הענט. פאַר־שווערנדיק זיך אויף ווייטער בעסער צו דערוועגן זיך איידער נאָך אַמאָל צו שפּייען . . .

מיסטער שילער האָט אָבער זיין וואָרט ניט געקענט האַלטן, ווייל נאָך די קלעפּ פון סיילעסמאַן האָט ער ערשט אָנגעהויבן שפּייען — מיט בלוט.

אַ גוטער וואונש

סעם : — זע טשאַרלס, דו לאַכסט פון מיין שרייבן, און איך זאָג דיר הלואי האָסטו דאָס אין קאָפּ וואָס איך האָב אין מיינע שיך.

טשאַרלס : — (נייגעריק) וואָס אַזוינס האָסטו עס אין די שיך?

סעם : — לעכער.

שלעכט פאַרשטאַנען

סעם : — צו זיין געליבטער : אָ, טייערע, ווען איך בין צו דיר געקומען האָט די זון מיר דאַן געשיינט. אַלעס אַרום מיר איז געווען לעבעדיק און פריילאַך, און איצט ווען איך דאַרף אַוועקגיין פון דיר איז אַלעס פאַר מיר פינסטער און אומעטיג . . .

עני : — טאָ וואָרום ביזטו געזעסן אַזוי שפּעט ? . . .

אַ געטרייע פרוי

סעם : — ווי געפעלט דיר עני, מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט, אַז איך בין געווען אַזוי רייך, אַז איך האָב געהאַלטן פולע הענט מיט געלט. ערשט, איך שטיי אויף, איך האָב גאָר ניט

עני : — אַ שאַד דאַרלינג, וואָס דו ביזט אויפגעשטאַנען . . .

אַ קריינק אַזאַ

אריין בין איך אין אַ באַרבער־שאַפּ צו נעמען אַ שייוו. לייג איך מיר אַוועק אויפן טשער, און דער באַרבער נעמט מיר פרעגן זיינע געוויינלאַכע פראַגן :

— געבן אַ מאַסאַזש ?

— ניין, — ענטפער איך, שאָקלענדיק מיט׳ן קאָפּ.

— געבן אַ לאַילאַק ?

— ניין.

— געבן אַ קרים ?

— ניין.

— געבן אַן אַלקאָהאָל מאַסאַזש מיט עלעקטריק ?

— ניין, האַלט איך אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ.

דער באַרבער־באָס האָט זיך אַזוי צוגעקוקט צו מיר און באַמערקט צום אַרבעטער :

— גיב אים פון אַלעם, ווייל זיין שאָקלען מיט׳ן קאָפּ איז אַ קרענק אַזאַ.

דער אַרבעטער האָט מיר גענומען דערלאַנגע ן פון אַלעם גוטס, און — ווען איך בין אַרונטער פון טשער, האָט ער מיר אויך דערלאַנגט אַ טשעק וואָס האָט באַטראָפן אַ דאָלער מיט דרייסיק סענט.

נעם איך גלייך אַרויס פון מיין פאַקעט 30 סענט און באַצאָל דעם באַרבער.

— וואָס איז דאָס ? — גיט מיר דער באַרבער אַ פרעג — דער ביל איז דאָך אַ דאָלער מיט דרייסיק טאָ וואָס גיט איר מיר דרייסיק סענט ?

— דאָס איז אַ קרענק אַזאַ — האָב איך אים גלייך געענטפערט.

דער באַרימער

משה מאַטל איז געווען פון די באַרימער וואָס איר דערקענט גלייך אויף זייער פּנים דעם ליגן.

ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל דערקענט האָט ער מיר גלייך דערציילט זיין גרויסקייט און דעם יחוס פון זיין פאַמיליע. „איך אַליין, — האָט ער מיר אָנגעפאַנגען צו דערציילן, — אַר־בעט אין אַ האָספּיטאַל. מיין פרוי איז אַ נוירס, מיין עלטערער זון איז אַ בוכהאַלטער, דער צווייטער זון מיינער איז פּראָפעסאָר, די עלטערע מיידל פאַרנעמט זיך מיט פאָרשונגען, מיין אינגערע טאָכ־טער איז אַ מאַלערן און מיין קליין אינגעלע וואָס איז ערשט אַלט אַכט יאָר, אַרבעט שוין אין אַ דראָג־סטאָר.

ווען איך האָב זיך מער באַקאַנט מיט דעם משה מאַטל, האָב איך אויסגעפונען וואָס ער איז, און באַ וואָס זיין פאַמיליע אַרבעט. ער אַליין אַרבעט אין אַ האָספּיטאַל אַלס דזשעניטאָר, זיין פרוי איז ניט קיין נוירס נאָר אַ וואַרטספרוי. זיין עלטערער זון איז ניט קיין בוכהאַלטער נאָר אַ בוכבינדער. זיין אינגערער זון איז טאָקע פּראָפעסאָר — אין אַ דענסינג סקול. די עלטערע טאָכ־טער זיינע, די פאָרשערן, פאָרשט וואו קען מען קריגן אַ בחור, די אינגערע טאָכטער די מאַלערן, מאָלט זיך רויטע ליפּעלאָך מיט אַ וויים נעזעלע. און זיין וואונדער קינד, וואָס אַרבעט אין אַ דראָג־סטאָר, רופט אַרונטער מענטשן וואָס מ׳רופט זיי צום טע־לעפאָן אין דראָג־סטאָר.

נאָר האָט אים ווער אָנגעקוקט און ניט געוואָלט גלויבן זיינע מעשיות, פלעגט ער בייז ווערן און זיך צעשרייען : דו ווילסט ניט גלויבן, טאָ גלויב ניט, איך דאַרף זיך פאַר דיר ניט באַרימען.

איינִיקייט איז מאַכט

מר. וויטמאַן איז געווען פון די באַלעבאַטים, וואָס האָבן ניט געגלויבט זיך אַליין. דערפאַר טאַקע האָט ער געהאַט אַנטקעגן זיך אַ שפּיגל צו זען, אויב ער אַרבעט.

די אַרבעטער פלעגט ער היטן, שטייענדיק באַהאַלטן הינטער אַ סלופּ און ווי איז געווען די אַרבעטער, ווען ער האָט געכאַפּט אַ גענעץ טאָן.

איינגאַנצן אַנדערש האָט ער אָבער באַהאַנדלט דעם זייגער אין דער צייט, וואָס ער האָט געוואָלט, אַז די אַרבעטער זאָלן לויפן וואָס־גיכער, האָט ער געטאָן אַלץ אין דער וועלט, אַז דער זייגער זאָל ניט לויפן נאָר קריכן . . .

פלעגט אַריינקומען אַ פּעדלער אין שאַפּ, איז ער גרייט גע־ווען אים צו דערמאָרדן, פון אַן אָרימאַן איז גאָר אָפּגערעדט. דער־פאַר טאַקע האָבן אַלע אָרימע לייט געהאַט אַ בייז האַרץ אויף אים און פלעגן טרייען בגנבה צו קריגן פון די אַרבעטער אַ פּאָר סענט ביז דער באָס פלעגט אים כאַפּן און אַרויסוואַרפן.

איינמאָל איז אַריינגעקומען אַ נייער אָרימאַן, אַ קריפּל, און ניט ווי[י]סנדיק מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, האָט ער גענומען אַרומגיין איבערן שאַפּ. מיסטער וויטמאַן האָט אים באַלד געכאַפּט און, ווי געוויינלאַך, אים אַרויסגעוואָרפן.

אין אַ שטונדע שפּעטער איז דער אָרימאַן געקומען מיט אַ צווייטן און גענומען גיין איבערן שאַפּ בעטן נדבות.

— וואָס מיינט דאָס ? — האָט אים איינער פון די אַרבע־טער אַ פרעג געטאָן. — ער האָט דאָך אייך ניט לאַנג צוריק אַרויס־געוואָרפן פון שאַפּ, קומט איר גאָר איצט מיט נאָך איינעם ?

— אויב איר, אַרבעטער, ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט אַזאַ פּאַסקודניאַק, וועלן מיר אייך אויסלע־נען, — האָט זיך דער אָרי־מאַן צעלאַכט. — אין דער צייט, וואָס ער וועט מיין פּאַרטנער אַרויסוואַרפן, וועל איך דערווייל צוזאַמענקלייבן די נדבות . . . איר פאַרשטייט, צי ניין ? . . .

אין אַ פרומען זונטאָג

אַ לאַנגע צייט האָט זיך געוואָרפען אין די אויגן פון יאָסל דעם אונטערפּרעסער אַן אַדוועטייזמענט אין די צייטונגען פון אַ וואָדעוויל־הויז: „קומט זען אונזערע שייניגקע, רייניגקע, פליענדע, גליענדע, טאַנצנדע, שפּרינגענדע, זינגענדע פייגעלאַך״.

יאָסל האָט שוין דעם „עד״ געקאָנט אויף אויסענווייניג און וואו ער איז געגאַנגען און וואו ער איז געשטאַנען האָט זיך יאָסל אונטערגעברומט די פּיקאַנטע גראַמען טראַכטנדיק ווי אַזוי ער זאָל זיך אַמאָל אָפּרייסן פון הויז און גיין זען טאַקע מיט זיינע אייגענע אויגן די „גלאַנצנדע, טאַנצנדע „פויגעלאַך״.

ענדלאַך האָט יאָסל זיך געמאַכט צייט, דערציילנדיק זיין ווייב אַז זונטאָג מוז ער אַוועק פון הויז: אַ ברודער פון זיין פּאַראיין איז געשטאָרבן און אַלע מעמבערס מוזען אים קומען באַגראָבן.

יאָסל האָט זיך אויסגעפּוצט, גענומען אַ גלאַטן שייוו, אַ שאַין אויף די שיך, אויסגעפּרעסט זיין נעהמיי, און געקויפט אַ שקאַרמיץ האָזען־ניסלאַך מיט אַ פּעקל טשואינג־גאַם און איז אַוועק „באַגראָבן זיין ברודער״.

— — — — — — — — — — — —

ווען אין טעאַטער איז פּלוצלינג געוואָרן פינסטער, איז יאָסלען ליכטיג געוואָרן אין די אויגן. אָט באַלד, האָט זיך יאָסל געטראַכט, וועט אַרויס אַ מויד, אַ ברען מיט בלאָנדע האָר, אַ שייניגקע, אַ רייניגקע מיט גליענדע בליענדע בעקעלאַך און נעמען זינגען און טאַנצן פאַר יאָסל דעם אונטערפּרעסער.

ווי איבעראַשט איז אָבער יאָסל געוואָרן ווען ס'איז אַרויסגעקומען אַן אַלטינקער מאַן מיט אַ פידעלע אין האַנד און גענומען שפּילן טרויעריגע נגונים.

יאָסל איז אָבער באַלד צו זיך געקומען, ערוואַרטנדיג אַז באַלד וועט מסתמא קומען די „ריכטיגע סחורה“ . . . און דער אַלטינקער איז אַרויף בלויז פאַר שפּאַס אַנצוציען דעם עולם.

די „ריכטיגע סחורה“ איז אָבער גישט געקומען אַרונטער דער אַלטער, איז אַרויף עפּעס אַ „פאָלקס־זינגער“ און דערנאָך אַ פּיאַניסט, דאַן ווידער אַ זינגער.

יאָסל האָט זיך ניט געפוילט און איז אַרויס זען אויב ס'איז דער ריכטיגער אַדרעס. פּיליכט, האָט אים גענומען שרעקן זיין האַרץ — פּיליכט האָט ער געהאַט אַ טעות?

אָבער ניין. דער אַדרעס איז דער ריכטיגער. האָט זיך יאָסל ווידער געטרייסט: צום סוף וועט מען געוויס דערלאַנגען „יענע סחורה“.

אַריינקומענדיג אָבער צוריק און ווידער טרעפענדיג דעם אַלטן פידל־שפּילער, האָט יאָסל אַ שפּיי געטאָן און איז אַרויס פון טעאַטער שרייענדיק: פאַרברענט זאָלן ווערן די אַמעריקאַנער פּייפּערס, מיט די טעאַטערן אינאיינעם. אַלעס איז בלאָף, גנב, גזלן און שווינדל.

און ביי היינטיקן טאָג ווייס נאָך ניט יאָסל אַז די אורזאַכע פון זיין ענטוישונג. אים איז גאַרניט איינגעפאַלן אַז ער האָט זיך אויסגעקליבן צו גיין צו זיינע „שייניקע, ריינינקע, גלאַנצנדע, טאַנצנדע“ אין דעם הייליקן זונטיק ווען נאָר אַנשטענדיקע, רעליגיעז קאָנצערטן זיינען דערלויבט.

פור מען

אַ בריוועלע פון דער קאַנטרי פון אַ מאַן צו זיין פרוי.

מיין טייערע פעני -

דו ביזט מיר געוויס מקנא, וואָס איך בין אין דער קאַנטרי און דו אין שטאָט. זאָג איך דיר גלייך, אַז דו האָסט מיר ניט וואָס מקנא צו זיין. דו, אַז דו ווילסט עסן, גייסטו אריין אין אַ גראָסערי און דו קויפסט. און איך דאַרף וואַרטן ביז דער פאַרמער וועט דאָס ברייננען און גאַנץ אָפט טאַקע פון דער זעלבער גראָסערי, וואו דו קויפסט.

ליבע פעני, איך האָב זיך ביי דיר געבעטן: פאָר דו אין די קאַנטרי, וועל איך שוין אויך האָבן פאַרגעניגן . . . האָסטו ניט אַנדערש געוואָלט, אַז איך זאָל פאָרן, און איצט זע איך טאַקע, וואָס פאַר אַ שונא דו ביזט מיר.

דעם ערשטן טאָג ווי מיר זיינען אָנגעקומען אויפן פאַרם, בין איך געווען הונגעריג ווי אַ הונט. איך האָב זיך צוגעגרייט איינ־צושלינגען אַלץ, ווו אַ בראָנזווילער לענדלאָרד זיינע טענענטס, איז אָבער געקומען צו עסן. כאַפּט זיך דער פאַרמער, אַז ער האָט פאַרגעסן צו ברייננען ברויט. האָט מען איינגעשפּאַנט דעם פערדל און זיך אַוועקגעלאָזט נאָך ברויט. און אַז גאָט האָט שוין געהאָלפן דעם פערד און עס איז אָנגעקומען ברויט, איז אַוועק דער אַפּעטיט . . .

דאָס איז געווען דעם ערשטן טאָג. אויפן צווייטן טאָג, ווען איך בין נאָך געלעגן און גע'חלומ'ט פון ברעקפעסט, דערהער איך אַ געוויין, — וואו איז משה'לע?

טאַנצן איך מיר אריין אין די הויזן און העלף מיטשרייען. וואו איז משה'לע?

משה'לע אַהער, משה'לע אַהין, און אַלע באָרדערס, פאַרמערס, פערד, הינט האָבען זיך אַרויסגעלאָזט זוכן משה'לען. יעדערער האָט אויסגעאַרבעט אַן אַנדער טעאָריע. איינער האָט געזאָגט אַז אַ וואָלף האָט פאַרצוקט דאָס קינד, אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז די שוואַרצע האַנט האָט דאָס פאַרנומען, אַ דריטער האָט געטרייט גאָר

איינרײדן אַז די פרוי האָט אײנגאַנצן ניט געהאַט קיין אינגל.

און וואָס מײנסטו איז דער סוף געווען, ווען אַלע זײנען זיך צוזאַמענגעקומען צוריק צעבראָכענע, דערשלאָגענע און די מאַמע האָט אָנגעפאַנגען צו חלש'ן, האָבן מיר איר אַ נעם געטאָן אונטער די אָרימס, אַרײנגעטראָגן איר אין צימער און געלײגט איר אין בעט. און וועמען מײנסטו, טרעפן מיר אין בעט ? משה'לען, געבאַך געלעגן און געוויינט. די מאַמע איז אין דער פרי געגאַנגען אין קיך, האָט זי אים פאַרשלאָסן און געלאָזן ליגן אין בעט אַ פאַר'חלש'טן פון הונגער.

אַט אַזוי איז אַוועק אונזער צווייטער טאָג.

און וואָס, מײנסטו איז דער סוף פון מענטשן, וואָס מאַכן דורך אַזעלכע צרות ? מ'נעמט זיך צו געמבלען. און אַזוי איז טאַקע געווען. האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט שפּילן אין קאָרטן. און מײן מזל איז גראָדע געווען זײער גוט. דעם ערשטן טאָג האָב איך געמאַכט אויף אַלע מײנע עקספּענסעס. און איך האָב באַשלאָסן צו שפּילן נאָך איין טאָג צו מאַכן פאַר קאַרפעיר, און דיר, מײן טײערע, ברײנגען אַ פּרעזענט, אַ פּאָקעטבוק. אָבער דו ווייסט דאָך, קאָרטן איז ווי ריעל־עסטײט אַט הויבט זיך דאָס און אַט פאַלט דאָס. און איך בין ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, געפאַלן מיט אַ קראַך. איך האָב ניט בלויז פאַרלאָרן די עקספּענסעס, נאָר די קאַרפעיר אויך. איצט, מײן טײערע, הער דעם סוף. דער פאַרמער האָט מיר פאַרהאַלטן פאַר אַ משכּן. און איך בעט דיר שיק מיר וואָס שנעלער געלט. ערשטנס, איך זאָל קענען „איבערשפּילן“. צווייטנס, בעצאָהלן דעם פאַרמער. דריטנס, אויף קאַרפעיר. און די הויפּט זאַך, איך זאָל האָבן מיט וואָס דיר צו קויפן אַ פּרעזענט, ווייל מיר פּאַסט זײער ניט צוקומען אַהיים, ניט ברײנגענדיג דיר קיין פּרעזענט. . .

טאָמער וועסטו מיר אָבער באַלד ניט שיקן קיין געלט, זאָג איך דיר, אַז איך וועל זײן געצוואונגען צו זײן אין קאַנטרי אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט מיר אויסלייזן.

דײן געטרייער מאַן,

דזשעק שטשיפּע.

ניטאָ קיין מזל

יודל איז א לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט, ביז זיין סוט און שיך זיינען צעפליקט געוואָרן אין שטיקער, און טאָמער האָט ער שוין געוואָלט גיין זוכן א דזשאָב האָט ער זיך געשעמט אַרויסצוגיין אין גאַס.

ווען זיין פרוי האָט דערזען, אַז עס איז ניט קיין תכלית ער זאָל זיצן אין הויז און קוקן אויף די ווענט, איז זי אַוועק צו א לאַנדסמאַן און געליען א פינפערל, ער זאָל כאָטש קויפן א פּאָר הויזן צו קענען גיין זוכן אַרבעט.

יודל האָט אָנעם גענומען דעם פינפערל, אַריינגעלאָפן נעקסט דאָר צו בעטן דעם מאַן גיין קויפן מיט אים די הויזן.

דער נעקסטדאָריקער איז אָבער געווען ביזי מיט א פּויקער האָט יודל זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן ביז ער וועט פאַרטיק ווערן.

זיצנדיק האָט זיך יודל באַקלערט, אַזוי ווי חברה זיצן מיט אַזוי פיל געלט פאַר וואָס זאָל ער טאַקע ניט נעמען א האַנט און אויך מאַכן אויף א פּאָר שיך?

יודל האָט אַרויסגעכאַפּט דעם פינפערל און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

מיט צוויי שעה שפּעטער, ווען יודל האָט געסטאַפּט די גיים, האָט זיין פרוי זיך דערוואוסט דעם חורבן. אַז ניט נאָר וואָס ער האָט ניט געמאַכט אויף קיין שיך, האָט ער נאָך פאַרלאָרן די הויזן...

בערעלע בעל-צדקה

פון קינדווייז אָן האָט ער געוואוסט אַז זיין נאָמען איז בערל שטיינפאַס, אַזוי איז ער געווען פאַרשריבן אין די מעטריקעס. אויף דעם פאַספּאָרט און שפּעטער אויך אויף זיינע בירגער פּאַפּירן אין אַמעריקע. דאָך האָבן אים אַלע גערופן בערל בעל צדקה.

צייטנווייז האָט ער זיך געפילט זייער געקריינקט דערפון, דאָך האָט ער אַלע מאָל פאַרמגזעצט די אַרבעט פאַר וואָס ער האָט זיך פאַרדינט דעם נאָמען. און דעם נאָמען בערל בעל-צדקה האָט ער געקראָגן דערפאַר, ווייל בערל איז געווען אַ טיכטיגער מיטגליד אין זיין סאָסייעטי, וואו ער האָט באַלאַנגט. בערל האָט פיל ניט גע־רעדט, נאָר אין פאַסיגן מאָמענט פלעגט ער אויפשפּרינגען און מאַכן אַ פאָרשלאָג קורץ און שאַרף.

די הויפּט-פאָרשלאָגן פלעגט ער אָבער מאַכן ווען עס האָט זיך געהאַנדלט צו שטיצן אימיצן. דאָ האָט ער געוואוסט, אַז אויב ער וועט שווייגן וועט דאָס קיינער ניט טאָן, ווייל אַלע האָבן נאָר גע־זשאַלעוועט געלט און ניט געוואָלט פאַרנוצן אַ סענט פון דער קאַ־סע, איין בערל פלעגט אויפשפּרינגען און גוט אויסזידלען די קאַרגע שפּאָרער. וואָס אַזוי — פלעגט ער זיך צעשרייען, — איר דאַרפט חתונה מאַכן טעכטער? מיר זיינען פּראָגרעסיווע מענטשן און מיר דאַרפן העלפן יעדן, וואָס שטרעקט אויס אַ האַנט צו אונז.

איין אָוונט האָט מען זיך אַזוי געווענדעט צו דער סאָסייעטי פון צען פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. בערל איז געשטאַנען די גאַנ־צע צייט אויפן פלאָר און דערלאַנגט פאָרשלאַג נאָך פאָרשלאַג.

ווען דער סעקרעטאַר האָט פאָרגעלעזן דעם עלפטן צושריפט פאַר שטיצע, האָט בערל, גלייך ווי פריער, אַרויסגעשאָסן אַ פאָר־שלאַג צו שטיצן דעם באַטרעפנדן מיט פינף און צוואַנציק דאָלער.

דער טרעזשורער איז אויפגעשפרונגען ווילד ווי א טיגער און זיך צעשריען: וואס איז דא פאר א שווארץ יאר? שטייט אויפן פלאר ווי א מיליאנער און ווארפט געלט. איך האב דאך ניט קיין סענט ביי דער נשמה!

בערל האט זיך ניט פארלארן, און באלד געמאכט א פארשלאג צו שטיצן דעם טרעזשורער מיט פופציק דאלער.

א מלאך

קינד: — זאג מיר, מאמע, קען א מלאך זיין אן פליגל?

מוטער: — ניין.

קינד: — טא ווי קומט דאס, וואס פאפא רופט אונזער באר־דערקע מיין מלאך?

מוטער: — אויב אזוי, וועל איך טאקע באלד זען, צי זי וועט קענען פליען פון אלע שטיגן . . .

אן אנטיק א בוך

— ווי געפעלט דיר אזא חוצפה, — באקלאגט זיך פאר מיר א פריינט — י. ב. האט ארויסגעגעבן א בוך לידער וויל ער פאר אים פינף דאלער? דאס וואלט געפאסט עס זאל זיין עפעס אן אנטיק.

— דאס איז טאקי אן אנטיק! — האב איך אים בארוהיקט, — ווייל יעדער ליד אין דעם בוך איז שוין פיל עלטער פון אים.

ער וויל א ענטפער

באלד אין פרימארגן האט מיסעס פינקעל דערהערט א קלאפן אין טיר מיט א מילך־באטל.

— ווער איז דאס ? — האט זי מיט שרעק א פרעג געטאן.

— איך, דער לענדלארד ! — האט זיך דערהערט א שטימע הינטערן׳ טיר, — איך וויל פיקסן דעם „בעל“.

און ס׳האט זיך ארייגעקייקלט מיסטער בארל, דער לענד־לארד פון הויז, און זיך גענומען צו דעם „בעל“ פון טיר.

— וואס איז דאס ? — האט מיסעס פינקעל פון איבעראשונג א פרעג געטאן, — ווי קומט דאס צו אייך, איר זאלט עפעס פיקסן אין הויז ?

— וואס הייסט ? — האט מיסטער בארעל געענטפערט, — שוין די צווייטע וואך ווי איך דארף קריגן רענט, קום איך אלע טאג, דריק דעם „בעל“ און קיינער ענטפערט מיר נים.

נעבאך

איך בין אומגליקלאך מיט מיין שאפ טשערמאן — באקלאגט זיך א באס פאר א צווייטן, — האט איינגעפירט אזעלכע זאכן, וואס איך ווער פשוט צעפלאצט פון אים, פייפט אין דער פרי, פייפט פאר דינער, פייפט אויף דער נאכט, וואס טוט מען וואס ?

דאנק גאט ! — האט זיך דער צווייטער באס צעלאכט — מיין אומגליק איז נאך גרעסער. מיין שאפ טשערמאן פייפט נים בלויז אין דער פרי, פאר דינער און אויף דער נאכט, ער פייפט נאך אויף מיר אויך ! . . .

אַ פאַלשע וועלט

גייט אַרום אַ אידל פון טעאַטער און פּאַכעט מיט די הענט
— כ׳האָב דיר געזאָגט. אַז אַלץ איז פאַלש, וואָס דו האָסט געזען איז פאַלשקייט, אַ פאַלשע וועלט, כ׳לעבן.
— ס׳קען ניט זיין — פּרואווט זיין פרוי אים צו באַווייזן.
— ווילסט מיר איינריידן, אַז די מיידל, וואָס איז געגאַנגען אויפן דראָט, איז קיין מיידל ניט ?

— פאַלש, פאַלש, ווי דו זעסט מיר אַ לעבעדיקן, — האָט זיך דער אידל ציקאָכט, — דער דראָט איז קיין דראָט ניט, און די מיידל איז קיין מיידל ניט. און אפילו דער וואַסער, וואָס דו האָסט געזען, איז קיין וואַסער ניט. אַלץ איז פאַלש, און פאַלש.
— טאָ צי וואָס ביזטו געגאַנגען, אויב אַזוי ? — האָט שוין די פרוי אַ ברוגז׳ע גענומען שרייען.

— עט, — האָט זיך דער אידל צעלאַכט, — איך האָב גע־האַט אַ פאַלשן דאָלער האָב איך זיי אוועקגעגעבן . . .

קינדער

רייכע קינד (צום אַרבעטערס קינד) : — קום, מיר וועלן גיין אין אַ מואווינג־פּיקטשור.
אַרבעטער־קינד : — איך קען ניט גיין, ווייל מיין פּאַפּאַ אַרבעט ניט שוין פון צוויי מאָנאַטן.
רייך קינד : — נו, טאָ וואָס איז ? און אַז מיין פּאַפּאַ אַר־בעט קיינמאָל ניט...

אוי, אַ כלב

שפּאַצירן אויף אַ פּיקעט ליין צוויי עלטערע אידן מיט די רענט פאַרלייגט אויף הינטן. פון זייער גאַנג און שפּראַך דערקענט איר גלייך, אַז דאָס זיינען צוויי געוועזענע היימישע גאַליציאַנער באַלעבאַטים, וואָס אַרבעטן איצט אין אַ פּענטס שאַפּ.

זיי שפּאַצירן און וואַרפן אַלע ווײַלע אַ בליק צום קאָרנער, וואו עס זיצן צוויי „בלויע רעק" אין אַ מאַשין און היטן, אַז די סטרייקער זאָלן ניט אַרונטערגיין פון דרך הישר.

אַנטקעגן איבער דער טיר, שטייט דער באָס אַ פאַרביסענער און קריצט מיט די ציין.

— דו זעסט, משה — ווײַזט אָן דער צווייטער מיט'ן פינגער, — אָט דער כלב האָט דאָס אַ שר אין הימל און מיר מוזן דאָס פאַר אים שקלאַפן.

— ר' חיים, רעט ניט אַזוי, — גיט משה זיך אַ גלעט איבער'ן באָרד — איר וואָלט אויך בעסער ניט געווען ווען איר וואָלט זיין אויף זיין פּלאַץ.

— ס'קאָן זיין, — ענטפערט אים חיים, — ווען איך בין באָס וואָלט מען מיך באַדאַרפט לייגן אין דער ערד, נאָר אַזוי ווי ער איז איצט באָס — זאָל ער ליגן אין דר'ערד.

געטראַכט און געזאָגט

פאַראַן מענטשן וואָס זאָגן אויף טאָג נאַכט און זיי בלייבן צום סוף די גערעכטע, ווייל זיי ריידן אַזוי לאַנג ביז עס ווערט טאַקע נאַכט.

ער ארבעט אויף 2 מאשינען

אפארבעטנדיק 12 יאָר אין שאפ ביי דער „קאטערינקע“ האט סעמקע דער אפרייטאר באשלאסן זיך צו קויפן א „פאָרדל“ און איין מאָל פאר אלע מאָל מאכן א פארזוך פטור צו ווערן פון שאפ.

סעמקע האָט געקויפט א מאשין און זיך גענומען לערנען פאָרן.

מיט זיין ערשטן ארויספאָר איז ער ארויפגעפאָרן אויף א צייטונגס־סטענד.

א טומל, א ליארעם, א זידלעריי. ער באצאָלט פינף טאָלער און פארט ווייטער. סעמקע מאכט גוטן פאָרשריט. איצט איז ער שוין ארויף אויף א טעלעגראף סלופ. ארעסטירט, באצאָלט 25 דאלער און ווייטער ארייגעפאָרן אין א מילכיקן רעסטאראנט. און אזוי כסדר: סעמקע פאָרט ניט סתם אזוי. זיין פאָרן ברייגנט אימער עפעס איין — עמיצן.

און סעמקע זיצט נאָך אלץ אין שאפ און וואס ער פארדינט אויף דער „זינגער מאשין“ דערלייגט ער צו זיין „פאָרד מאשין“.

ניט קיין שפאס

באָס (צום ארבעטער, וועלכער איז א לץ): — זע, סעם, וואס האסטו עפעס געמאכט פון מיר א וויץ, אז איך בין א גראָבער חזר?

ארבעטער: (אנווייזנדיק אים אויף זיין בויך) דאס איז ביי איך א וויץ? . . .

לאנגע שטונדן

דער ארבעטער איז געזעסן אייגגעבויגן איבער דער מאשין און אלע ווײלע האָט דער באָס דורכגעשפּאַנט פאַרביי אים מיט פאַרלייגטע הענט אַף הינטן, ווארפנדיק אויגן צו זיין שקלאַף יאָגט גענוג די מאשין שאפנדיק פראָפיטן פאַר אים. דער ארבעטער האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפ, געבנדיק אַ קוק וואָס גיט אים אלע ווײלע אַ שווינדל פאַר די אויגן און ער האָט דערזען פאַר זיך דעם באָס.

— מיסטער גאָלד, — האָט זיך דער ארבעטער געווענדעט צום באָס אוועקלייגנדיק די ארבעט אָן אַ זייט. — איר מ׳זט ארבעטן זייער לאַנגע שטונדן אין שאַפּ ?

— אנטקעגן וואָס פרעגסטו דאָס ? — האָט אים דער באָס אַ מעסט געטאָן מיט זיינע ביסטרע אייגן.

— אנטקעגן דעם — האָט דער ארבעטער קאַלטבלוטיק גענטפערט — אַז מ׳טוט גאָרניט און מ׳גייט ארום פאַרלייגט די הענט, זיינען די שטונדן זייער לאַנג . . .

ארייגעזאָגט

— אייערע ראָלס זיינען זייער גוט אין סוף — האָט זיך די באַלעבאָסטע געווענדעט צום בעקער האַלטנדיק אַ ראָל אין האַנט.

— אזוי גאָר, אזוי גאָר — האָט זיך דער בעקער געפילט געשמייכלט, — מיט וואָס זיינען זיי דאָס אזוי גוט ?

ווייל זיי זיינען גרויס ווי פאַרפל, — האָט זיך די באַלעבאָסטע צעלאַכט.

א נאַכט אַ יאָר

צוזאַמען מיט אַ שיינער צוואַנציק־יאָריקער מיידל איז ער אריין אין טריין און אַוועקגעזעצט זיך איינס נעבען אַנדערן און באַלד געשלאָסן באַקאַנטשאַפט.

גערעדט איבער וואָס ניט איז. אַ פּאָר שטונדן זיינען אַוועק איבער די פּינקטער זיינען פארצויגן געוואָרן די פאָרהאַנגען פון נאַכט. די לאָדנס אויף זייערע אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט. זיי זיינען איינגעשלאָפן.

זיין קאָפּ ניט זיך אַ וויג און פאַלט אויף איר אַקסל. דאָס זעלביקע פּאַסירט באַלד מיט איהר קאָפּ.

זיי וויגן זיך אַזוי אַפּאָר שטונדן הין און צוריק. „ניט ווילנ־דיק" טרעפן זיך זיינע ליפּן מיט אירע.

— וואָס איז דאָס ? האָט זי פאַרשעמטערהייט אויסגערופן

— מיר קענען זיך דאָך בלויז אַ פּאָר שטונדן.

— אָ, — האָט ער איר שלעפעריק געענטפערט — שלאָפן אויף אַ טריין איז אַ נאַכט אַ יאָר ! און ווידער „ניט ווילנדיק" זי אַ קוש געטאָן.

ער וויל נעבאַך חלום'ען

באָס : (צום ארבייטער — ווארום שלאפסטו ביי דער ארבייט ?

אַרבייטער : — ווייל איך וויל האָבן דעם רייז.

באָס : — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז ביי מיר קען מען אַ רייז זען נאָר אין חלום.

אַרבייטער : — טאַקע דערפאַר שלאָף איך, ווייל איך וויל, אז עס זאָל זיך מיר כאָטש חלום'ען . . .

עסן! עסן!

א פּאַרמער איז צום ערשטן מאָל אריינגעקומען אין א שטאָטישן רעסטאָראַנט עסן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביי א טישל אויסגעטרונקען די וואסער און געווארט מיט אומגעדולד.

דער ווייטער איז פאַרבייגעגאַנגען און האָט אים אונטערגערוקט דעם ביל־אָוו־פעיר.

דער פּאַרמער האָט א מיש געטאָן די בלעטלאך און אוועקגעלייגט דעם ביל־אָוו־פעיר.

דער ווייטער איז פאַרבייגעגאַנגען און אָנגעפרעגט — וואָס געבן ?

— איך וויל עסן ! — האָט דער פּאַרמער ארויסגעברומט.

דער ווייטער האָט ווידער אים צוגערוקט דעם ביל־אָוו־פעיר.

— וואָס איז דאָ באַר א שווארץ יאַר ? — האָט זיך דער פּאַרמער צעבייזערט, וואָס איז דאָ א לייברערי צו א רעסטאָראַנט ? איך וויל עסן, און ער גיט מיר צו לעזן . . .

ער גייט

איד : (צום קריסט) — אַלזאָ, דאָ האָט איר א פּאָר שטאַרקע שיך, און זיי קאָסטן אייך 10 דאָלער.

קריסט : — אָבער צו וואָס דאַרף איך אזעלכע שטאַרקע שיך ? איך זאָג דאָך אייך דאָס איז פאַר א טויטען.

איד : --צט טאַקע דערפאַר, פאַרגעסט ניט אז ער „גייט" אויף יענער וועלט, און מער ווי איין פּאָר שיך גיט איר אים ניט מיט.

אַרגומענטן פון אַ באָס

ארבעטער: (צום באס) — איך מוז קריגן אַ רעיז, ווייל מיר איז אוממעגליך צו מאכן אַ לעבן. שוין דריי וואָכן, אַז ביי מיר איז הויז איז ניט געווען קיין שטיקל פלייש.

באָס: — נאַדיר אַ געשיכטע, ער האָט קיין פלייש ניט גע־האַט! און אַז ראָקעפעלער איז אַ רייכער מאַן און עסט קיין פלייש ניט?

ארבייטער: — גלויבט מיר, אַז אַ חוץ פלייש איז אויך געגוג צרות: מיין פרוי גייט פשוט אַרום האַלב־נאַקעט און האָט ניט קיין קלייד.

באָס: — כאַ־כאַ־כאַ! און אַז מיין פרוי האָט באַצאָלט דריי הונדערט דאָלער פאַר אַ דרעס און פונדעסטוועגן גייט זי אויך אַרום האַלב נאַקעט.

ארבייטער: — אייך איז גרינג צו לאַכן, ווען איר וואָלט אָבער אַריין צו מיר אין הויז און געזען די פינסטערניש, ווי עס קומט ניט אַריין קיין ביסל ליכט, קיין שיין פון דער זון, וואָלט איר שוין דאַן אַנדערש גערעדט.

באָס: — דערפאַר טאַקע דאַרפט איר ניט פאָרן אין קאַנטרי. וואָס זאָל איך שוין ריידן, ווען ביי מיר אַ גאַנצן טאָג קען מען פאַרברענט ווערן פון דער זון.

ארבייטער: — אָבער איר זייט דאָך קיינמאָל אין הויז ניטאָ איר געפינט זיך דאָך אימער אין קאַנטרי.

באָס: — — נו, אויב אַזוי, ווי קענסטו ערוואַרטן צו קריגן אַ רעיז, ווען איך דאַרף צאָלן אַזוי פיל רענט?

דער באָס סטרייקט

באָס : — דאַ מאַכט מען שלום מיט דער יוניאָן ?

קאָמיטע־מאַן : — יעס, וואָס איז אייער נאָמען.

באָס : — שטיינהאַרץ

קאָמיטע־מאַן : — ווייסט איר, מיסטער שטיינהאַרץ, אונזערע פאָדערונגען ? ?

באָס : — איך ווייס, איך ווייס, איך גיב אַלעס נאָך. און מיט די אַרבייטער וועל איך שוין דורכקומען.

קאָמיטע־מאַן : — איר האָט אַ טעות. אונז גיט איר גאָר ניט נאָך, אַלעס איז פאַר די אַרבייטער.

באָס : — ווי איז מיר ! וועל איך זיי טאַקע דאַרפן געבען דעם רעיז און אַרונטערנעמען אַ שטונדע ווידזשעס ?

קאָמיטע־מאַן : — ניט אַ שטונדע ווידזשעס, נאָר אַ שטונדע אַרבייט.

באָס : — וואָס ! ווינציגער אַרבייטן ? אַ בראָך איז מיר, ווי קען דאָס זיין ? ווען וועט מען מאַכען אַזוי פיל אַרבייט ?

קאָמיטע־מאַן : — אַלזאָ, באַדערט ניט קיין קאָפּ. ווילט איר איז גוט, און אַז ניט, סטרייקט מען ווייטער !

באָס : — פּליעז, דערמאָנט מיר ניט קיין סטרייק. אָבער זעט, צו וואָס אַרבייטן קירצערע שטונדן ? וואָס איז, איך זשאַלעווע זיי געז, איך זשאַלעווע זיי קאַטן ?

קאָמיטע־מאַן : — מיסטער שטיינהאַרץ, שרייבט איר זיך אונטער, איז אָל־רייט, ווען ניט — גייט אַהיים ?

באָס : — וואָס ? שרייבן ? וואָס איז דאָס ? איר גלויבט מיר ניט ?

קאָמיטע־מאַן : — יעדער איינער מוז זיך סיינען אויף ד'עם אַגרימענט. קיין אונטערשיד ווער דאָס זאָל ניט זיין.

באַם : — איר מעגט נעמען מיין וואָרט, איך האָב זיך נאָך קיינמאָל ניט געסיינט . . . און אין לעצטן פאַל מאַך איך אַ, צ־על־מ־על . . .

קאַמיטע־מאַן : — אַלזאָ, מיר זיינען ציוויליזירטע מענטשן און מיר גלויבן ניט אין צלם'ס.

באַם : — טאָ וואָס דען זאָל איך טאָן ?

קאַמיטע־מאַן : — גייט אין סקול.

באַם : — אויף אַזוי פיל וועט איר שוין ביי מיר ניט אויס־פירן, איך סטרייק ! און דאַטס־אָלל... איר ווילט אייערע ארביי־טער בעפרייען און מיר ווילט איר פארשקלאַפן ? נאָ סער ! שטיינ־הארץ גייט ניט אין סקול, גוד־באַי !

דער אייביק זאַטער

סעם : — דו ווייסט, איזי, איך ווער אַלע מאָל זאַט איידער מיין ווייבל גיט מיר עסן.

איזי : — ווי אַזוי קען דאָס זיין ?

סעם : — ווייל איך עס זיך אויף מיין הארץ איידער זי קאָכט מיר עפּעס אָפּ.

פינגער פרינטס

סעם : — ז'ו ווייסט, אייבראַם, הערדי האָט געקראַגן פון דער ווייב די „פינגער פּרינטס“.

אייבראַם : — ווי אַזוי ?

סעם : — זי איז אים פאַרפאָרן אין פּנים אריין, שטייען אַלע פינף פינגער אויף זיין פּנים . . .

גלייך אויף גלייך

מיין לענדלאָרד איז אַ איד וואָס ניצט אויס יעדע געלעגענהייט צו רייזן רענט, מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָט מען אין די בעק פון מיינע רומס אַרונטערגעוואָרפן אַ הויז, איז מיר געוואָרן ליכטיק אין די אויגן. קומט מיין לענדלאָרד און רייזט מיר רענט. גייט ניט אָוועק קיין וואָך צייט און עס שטייט שוין ווידער אַ רויטע וואַנט. לויף איך מיט אַ קלאָג צום לענדלאָרד, שטייטש, איר האָט גענומען אַ דאָלער אַ רעיז און יעצט שטייט שוין ווידער אַ וואַנט?

— נעווער מאינד! — ענטפערט מיר דער לענדלאָרד — אַ דאָלער איז דאָס ווערטה סיי ווי, אַ נייע וואַנט איז ניט קיין אַלטע.

עס איז אַוועק אַ מאָנאַט און מיין לענדלאָרד איז געקומען נאָך רענט, נעם איך אַרויס אַ נייעם צען דאָלער ביל און דערלאַנג אים.

— וואו איז נאָך אַ דאָלער? — גיט מיר דער לענדלאָרד אַ פרעג.

— נעווער מאינד! — ענטפער איך אים — אַ נייער 10־דאָלער ביל איז ווערט אַ דאָלער, אַ נייער, איז ניט קיין אַלטער . . .

ער לעבט מיט רעכנונג

— פאַרוואָס נעמסטו ניט קיין טיקעט אויף צוריק? — פרעג איך אַ פריינט וואָס איז אַרויסגעפאָרן אויף אַ שיף, — דיר וועט דאָך קאָסטן אַ סך ביליגער.

— טאָמער זינקט די שיף, — פאַרענטפערט מיר מיין פריינד, — וועל איך דאָך איינשפּאָרן דאָס גאַנצע געלט.

איך צאָל נאָך דער צייט

ווען איך האָב אריינגעמופט אין די רומס האָט מיר דער לענד־לאָארד געזאָגט אַז די רענט פאַנגט זיך אָן פון ערשטן, גייט אַוועק 24 טעג קומט מיין לענדלאָרד נאָך רענט.

— וואָס איז דאָס ? פרעג איך אים, היינט איז דאָך ערשט דער 24טער ?

— ביי מיר איז היינט דער ערשטער, ענטפערט דער לענד־לאָרד, און אויב איר ווילט ניט גלויבן, טו קומט וועל איך אייך צייגן מיין קאַלענדאַר !

גיי איך מיט אים אַרונטער, זע איך אַז ער איז גערעכט, היינט איז טאַקע דער 24טער אויף דעם קאַלענדאַר, נאָר דער קאַלענדאַר איז פון 1892 . . . גיב איך אַ שמייכל און גיי אַוועק, איך וויל אַ קאַלענדאַר פון דעם יאָר !

גייט ער נאָך מיר נאָך און שרייט : „וואָס דענקט איר דאָס איז אַ דרעס אָדער אַ סוט וואָס מ'דאַרף יעדן יאָר אַ נייע סטייל איך האַלט ניט פון קיין נייע קאַלענדאַרס !“

— אויב אַזוי איז גוט, זאָג איך, און נעם אַרויס פינף דאָלער און גיב אים רענט.

— וואָס פאַר אַ פינף דאָלער ? איר צאָלט דאָך 22 דאָלער !

— צושרייט ער זיך.

— נעווער מאַינד, 22 דאָלער, לאַך איך, איך האַלט ניט פון קיינע נייע סטיילס. רענט אין 1892 האָט מען געצאָהלט פאַר די־זעלבע רומס 5 דאָלער און אויב דערזעלבער קאַלענדאַר איז דיזעלבע רענט . . .

ער זוכט קלעפּ

אַ בלאָנדער יונגערמאַן, זייער פלינק אויף די פיס, פליט אַרום פון איין שאַפּ צום צווייטן, גיט אָרדערס, קאָמאַנדעוועט, אָבער אויף זיין פּנים ליגט אויסגעגאָסן אַן אומעט.

— וואָס איז מיט דיר ? — גיב איך אים אַ קלאַפּ איבער'ן פּלייצע, — וואָס גייסטו אַרום עפּעס אַזוי דערשלאָגן ?

— וואָס ווייסטו, — האָט ער מיט גרויס באַדויערן אַרויס־געקרעכצט, — שוין דער פינפטער טאָג פון סטרייק, צענדליקער זיינען שוין אַרעסטירט געוואָרן, מאַנכע האָבן שוין געכאַפּט קלעפּ, און איך גאָרנית, מ'אַנערקענט מיך גאָרנית פאַר קיין סטרייקער...

פאַר געלט

היינט אָווערטיים. — איז דער פאָרמאַן אַרומגעשפּאַנט אי־בער'ן שאַפּ און פאַרזאָגט יעדן אַרבעטער : איר מוזט אָפּאַר־בעטן פאַר ראש השנה.

איך קען היינט ניט אַרבעטן — האָט שמואל דער אָפּערייטאָר זיך גענומען ענטשולדיקן פאַרן פאָרמאַן, — איר ווייסט ראַך. בעפאָר יום טוב פעדל איך צו אַ ביסל מיט שנאַפּס, מאַכן אַ דאָלער פאַר שיכלאַך, אַ קליידל, מוז איך היינט צוטראָגן די אָרדערס.

— אָל־רייט, — האָט אים דער פאָרמאַן אַ קלאַפּ געטאָן אי־בער'ן פּלייצע — וועסטו אַריינקומען מאַכן שבת אַ האַלבן טאָג.

— וועט איר מיר ווידער מוזן ענטשולדיקן, — האָט שמואל אים אָנעם געטאָן פאַרן האַנט, — דעם שבת מוז איך גיין צו פּראַ־בע. איר ווייסט דאָך, בעפאָר די הייליקע טעג ווער איך אַ שטיקל חזן און מאַך אַ פּאָר דאָלער.

מאַכן צו מאַכן איז ניט גלייך

אזוי גיך ווי מאַקס איז אריין אין שאַפּ האָט ער צוליגט זיין פּעקל „פּראָוויאַנט" אַפּן קעסטל. אָפּגעשיילט אַ רעטאַך, צע־שניטן אַ ציבעלע צעריסן אַ פּעפּערל, אָפּגעבראָכן אַ האַלבן לעבל ברויט און זיך גענומען צו דער אכילה.

— וואָס איז היינט מיט דיר ? — האָט איזי דער אָפּגע־רייטאָר אים אַ פרעג געטאָן — וואָס מאַכסטו עפּעס היינט דאָ אַ גאַנצן באַנקעט ?

— איך האָב געמאַכט אַ שנאַפּס — האָט זיך מאַקס פאַר־ענטפערט — האָב איך געקראָגן דעם אַפּעטיט.

— טאָ וואָס דאַרף איך שוין עסן ? — האָט שמואל דער סליוומאַכער זיך צעלאַכט, — ווען איך מאַך אַלע ביינאַכט אַ צוויי־דריי גאַלאָן שנאַפּס מיט אַמאָל !

אַ גאַנצער מאַכער, נאָר. . .

איזי, דער בייסטער, איז געווען „אַ שניידער פון צו הויזע" און דערפאַר מאַקע הײַמי ער אַלעם געקאָנט טאָן. אין שאַפּ, וואו ער האָט געאַרבעט איז ער געווען אַ בייסטער, אין אָוונט נאָך דער אַרבעט פלעגט ער זיך אריינכאַפּן אין אַ צווייטן שאַפּ אין מאַכן קאָלנערס, שבת פלעגט ער אַרבעטן אין אַ סטאָר אַלס בושעלמאַן און זונטיק אין אַ קלינינג סטאָר.

נאָר צו מאַכן אַ לעבן, האָט זיין פרוי געמוזט זיין אַ וואָרטס־פרוי.

באַרויבט די רויבער פון זיין רויב

מר. ל. איז אַ איד, וואָס גלויבט קיינעם ניט, אפילו ניט זיין אייגענע קעשענע. נעמט מר. ל. אָפּ זיינע וועכנטלאַכע שכירות, טראָגט ער עס אין האַנט אַזוי, אַז ער זאָל זיין זיכער אַז עס איז ביי אים.

פּאַסירט אַז אַ רויבער האָט אָפּגעשטעלט מר. ל. אויפן גאַס און אים געהייסן אויפהויבן די הענט.

מר. ל. האָט זיך ניט געשטעלט אַנטקעגן און געפאָלגט וואָס מען הייסט אים. דער רויבער האָט אים אַרומגעטאַפּט פון אַלע זייטן, בודק געווען אַלע קעשענעס און, ניט געפינענדיק קיין סענט, איז ער בורטשענדיק אַוועק.

מר. ל. האָט דאַן אַראָפּגעלאָזט די הענט, און טאַקע מיט די פּאָר טאָלער אין זיי.

היינט זייט אַ חכם און לאַכט פון ל.'ן, אַז ער ווייסט ניט וואו צו האַלטן געלט.

אַ מיטל

שוין אַ האַלבע שטונדע ווי איך קלאַפּ אין טיר און איר האָט מיר גאָרניט געענטפערט, — האָט זיך דער לענדלאָרד געבייזערט אויף זיין טענענט.

— ווייז איז מיר ניט, — האָט דער טענענט געשמייכלט — איר האָט זיך געוויס צעקלאַפּט די פינגער?

— טאָ וואָס האָב איך געזאָלט טאָן?

— קלאַפּט ווייטער מיט'ן קאָפּ — האָט זיך דער טענענט נאָך העכער צעלאַכט.

דער פערד

דער פערד האָט דעם ערשטן מאָל דערזען לויפנדיק א טריין און פירנדיק מיט זיך אזוי פיל וואָג.

א דערשראָקענער איז ער אוועקגעלאָפן צום פוקס זיך בּאראטן וואָס צו טאָן קעגן דער שרעקלאכער ערפינדונג וואָס די שלעכטע מענטשן האָבן אויסגעטראכט, צונעמענדיק ביי אים די גאנצע ארבעט.

דער פוקס האָט אויסגעהערט זיין טענה און האָט אים שטיל געננומען טרייסטן. — זאָרג זיך ניט טייערער פריינט, דיין אר־בעט האָט מען פון דיר צוגענומען, אָבער דיין נאָמען וועט דיר שטענדיק בלייבן . . .

וואָרום אזא קליינע ווייב ?

טשאַרלי : — זאָג מיר, סעם, וואָרום האָסטו גענומען אזא קליינע ווייב ?

סעם : — איך האָב געהערט, אז א ווייב איז א צרה, און א צרה איז בעסער א קלענערע.

פאַרשטייט . . .

ערשטער מאַן : — דו וועסט מיר גלויבן, איך קען ניט איינ־זיצן אין שאַפּ, ווייסנדיק, אז מיין פרוי איז אליין אין הויז.

צווייטער מאַן : — און איך ווידער קען ניט איינזיצן אין שאַפּ, טאָמער איז זי ניט אליין...

אַ געטלאַכע מוטער

די פאַנאַטישע מוטער איז געזעסן נעבן קינד און געזוכט איינ־צופלאַנצן אין קינד דעם גלויבן אין גאָט.

— זע, קינד מיינס, — האָט די מוטער איר אָנגעוויזן אויפן הימל. — אַלץ וואָס דו עסט און טרינקסט גיט גאָט. אַלץ פון וואָס דער מענטש לעבט קומט אַ דאַנק גאָט.

— נו, זאָג איצט, קינד מיינס — האָט די מוטער גלעטנדיק איר קינד איבערן קעפּל ווייטער געפרעגט :

— ווער האָט קראַנק געמאַכט דיין טאַטע ?

— דו, דו, — האָט דאָס קינד אָנגעוויזן מיטן פינגער אין איר פּנים אריין.

מיין געליבטע

מיין גאַנץ פאַרמעגן האָב איך באַצאָלט צו קריגן איר.
ווייל איך האָב געליבט צו גלעטן איר דינעם האַלז, און איבערהויפּט שפּאַצירן מיט איר און האַלטן איר אונטער'ן אָרעם.

און פלעג איך איר נאָר אַ דריק טאָן מיט ליבע צו זיך האָט זי פאַר מיר אויפגעשפּילט די הערליכסטע טענער, וואָס איך האָב פון איר געוואָלט, אַט אַזוי האָט זי געגעבן שפּייז צו מיין נשמה.

נאָר איין מאָל פאַרברענגענדיק מיט איר, האָב איך אויף אַ שפּאַס גענומען איר אַנציען . . . װעלענדיק ארויסקריגן עפּעס נייעס פון איר . . . און זי זייענדיק שטייף ביי זיך . . . און ניט קענענדיק זיך ארויסדרייען פון מיינע הענט . . . האָט זי גע־פּלאַצט — די סטרונע פון מיין פידעלע.

אַ פאַרמער'ס באַגריפן

פאַרמערקע : — (צום פאַרמער וועלכער איז דעם ערשטן מאָל געפאָרן אין שטאָט צו אַ חתונה) נו ווי האָסטו זיך עפּעס אַמוזירט, איז געווען עפּעס וואָס צו זען, צו הערן ?

פאַרמער : — עסן איז געווען ווי מיסט, מיט ווערטלאַך האָט מען זיך געוואָרפן ווי מיט בלאָטע, און געטאַנצט האָט מען ווי די פערד . . .

פאַרמערקע : — נו און ווי האָט עפּעס די כלה אויסגעזען ?

פאַרמער : — ניט אַזוי אי אי, נאָך בעפאַר דער חופּה איז זי שוין געגאַנגען מיט אַ גרויסן שלומפּער נאָכ'ן קלייד, טאַ וואָס וועט שוין זיין שפּעטער ? —

אויף פרעמדע פיס

איך בין געפאָרן פון דער אַרבעט אין אַ געפּאַקטע קאַר, וואו מענטשן זיינען געלעגן איינע אויף די אַנדערע.

דאַרף גראַדע אַ אידענע פון אַ דריי הונדערט פונט זיך אוועקשטעלן אויף מיינע פיס.

— מיסעס, — גיב איך זיך אַ כאַפּ, — פאַרנעמט דעם סיט ווייל אייך איז שווער צו שטיין.

— ניין ! איך דאַנק אייך ! — זאָגט זי מיר שנעל — איך בין שוין געוואוינט צו שטיין אויף מיינע פיס.

— נו, האָב איך שוין אויסגעשריען, — אָבער וואָס האָט איר צו מיינע ? . . .

ערב יום כפור

ערב יום כפור האָט אַ באָס אַרויפגענומען שנאַפּס צו טרינקען מיט די אַרבעטער און זיך איבערבעטן. ער נעמט אַ גלעזל שנאַפּס און זאָגט: לחיים אַרבייטער! איך טרינק פאַר אַלעמענס געזונט.

— איינמאָל כאָטש זאָגט ער דעם אמת — באַמערקן די אַר־בייטער.

און דער באָס זאָגט ווייטער „איך ווינש אייך אַלעמען אַ גוט יאָר.

— אויב אַ גוט יאָר — רופט זיך אָפּ איין אַרבייטער — מוזען מיר פריער האָבן אַ גרויסן סטרייק און געווינען.

— נו, צי איך צוריק מיינע ווערטער — האָט זיך דער באָס גלייך געכאַפּט — ביי מיר סטרייקט מען ניט . . .

אַלץ הייסט ערלאַך!

— איך האָב נאָך אַ פליג אויף דער וואַנט ניט באַרירט. איך האָב נאָך אַ מענש ניט אָנגעטראָטן אויף זיין הינער־אויג. איך האָב מיין גאַנצן לעבן רק געהיט מיין ערליכן נאָמען — האָט אַן אָנגעקלאָגטער אַרויסגעזאָגט אין זיין פאַרטיידיגונג.

— נו, און דער האַלדזאָפּ פון לעצטער וואָך? מ׳האָט דאָך דיר געכאַפּט ביים האַנט! — האָט דער ריכטער בייז אַ פרעג געטאָן.

— דאָס, דאָס, — האָט דער אָנגעקלאָגטער אַרויסגעשטאַמלט,

— איז געווען פאַר מיין לאַיער וואָס דאַרף באַווייזן, אַז איך בין אַלע מאָל געווען אַן ערלאַכער מענטש!

פאַרמאַכט איך די אויגן

עס איז מיר שווער צו פאַרמאַכן מיינע אויגן — האָט די קראַנקע פרוי אַרויסגעזיפצט — איידער איך וועל ניט וואַרפן כאָטש נאָך איין בליק אויף מיין טייערן מאַן.

די קינדער האָבן גלייך אָוועקגעשריבן אַ בריף צום פאָטער וואָס האָט זיך געפונען אין אַ צווייטער שטאָט, שרייבענדיק אים זייער מוטער'ס וואונש.

דער מאַן האָט געכאַפּט אַ שנעל־צוג און איז געקומען צופליען גלייך דעם זעלבן אָוונט צו ווייזן זיך פאַר זיין פרוי.

צווייערליי בריף

אַ יונגערמאַן איז אַריינגעקומען אין פּאָסט אָפּיס מיט אַ קליין בריוועלע צו רעדזשיסטרירן.

— צו וואָס אַזאַ קליין בריוועלע ? פרעגט אים דער פּאָסט־בעאַמטער.

— איך וועל אייך זאָגן — ערקלערט אים דער יונגערמאַן — איך האָב אַמאָל געשיקט צו אַ מיידל אַ גרויסן בריף האָט זי מיט מיר חתונה געהאַט. דערפאַר פּרוביר איך איצט שיקן אַ קליין בריוועלע צו מיין ווייבל אין דער קאַנטרי, אפשר וועט דאָס העלפן צו קריגן אַ גט פון איר . . .

עס איז אמת אַז גאָט האָט געמאַכט דעם מענטש פון בלאָטע, אָבער טראָגן בלאָטע אונטער די נעגל איז גאָר ניט אַזוי מענטשלאַך.

אַ וואַרימע הויז

מיסטער קראַכשוין: — וואָס טוט מען, מיסטער לאַכשוין, איך האָב ניט קיין קייל אין הויז, כאָטש נעם און ווער דערפראָרן.

מיסטער לאַכשוין: — און מיר קימערט דאָס ווי די וואַנט.

מיסטער קראַכשוין: וואָס הייסט, ווי קענט איר זיך באַגיין אָן קיילן?

מיסטער לאַכשוין: — גאַנץ איינפאַך, איך בין „אַ ברען אַ יונג" מיין ווייבל „קאָכט" זיך אַ גאַנצן טאָג אויף דער שוויגער, דער שוויגער'ס פּיכקל איז „פייער און פלאַם". דעם שווער „ברענט אונטערן האַרצן", און די קינדער האָבן אַלע „לונגען אָנצינדונג".

אוי די ווייב

גייט אריין איונגערמאַן צו אַ דאָקטאָר און לאָזט זיך אונטערזוכן.

— וואָס טוט איך ווי? — פרעגט דער דאָקטאָר.

— דאָס האַרץ.

— זינט ווען?

— זינט איך האָב געהייראַט! — ענטפערט טרויעריק דער יונגערמאַן.

— ליידער קען איך אייך גאָר ניט העלפן, — ערקלערט אים קאַלטבלוטיק דער דאָקטאָר — איר דאַרפט זיך ווענדן צו אַ לאַיער..

מאַכן פון בלאָטע אַ מענטשן, דאָס האָט געקענט נאָר אַ גאָט, מאַכן אַ מענטשן צו בלאָטע דאָס קען יעדער פּאַסקודניאַק.

טועו דאָס זעלבע

יום כפור אין דער פרי איז מיסטער לי, אויפגעשטאַנען ווי אַלע טאָג, אָנגעגאָסן זיך אַ גלאָז טיי און זיך געזעצט טרינקען. זיין פרוי האָט דאָס דערזען און זיך צושריען : נאָך קנאַפּ וואָס דו אַליין פרעסט, מוזטו נאָך שטעכן אַנדערע די אויגן. ווילסטו עסן, קענסטו ניט אַרונטערלאָזן די פאָרהאַנגען.

מיט כעס איז זי צוגעלאָפן צום פענסטער, און איז געבליבן שטיין פאַרשעמט, זעענדיק ווי באַ די איבעריקע שכנים זיינען שוין די פענסטער פאַרצויגן מיט די פאָרהאַנגען . . .

וואַרום זי הייראַט ניט

סעם : — זאָג מיר, אסתר, ווארום האסטו ניט התונה ?

אסתר : — היין באַס גלייך איך ניט, קיין סקעב וויל איך ניט און אַ יוניאָן מאַן טאָר איך ניט ..

סעם : — פאַר וואָס ?

אסתר : — ווייל אַ יוניאָן מאַן איז דיין מיינער אַ ברודער, טאָ ווי קען איך אים הייראַטן . . .

נו, נו !

באָס (צום אַרבעטער : — געווען אַ צייט וואָס איך בין אויך געווען אַ גוטער יוניאָן מאַן. אָבער איך האָב ניט געהאַט וואָס צו עסן, ווען איך בין איינמאָל קראַנק געוואָרן האָב איך אפילו אויף קיין מעדיצין ניט געהאַט. אָבער היינט ! . . .

אַרבייטער : — היינט, הייסט דאָס, קאָנט איר אַפאָרדן צו קריינקען . . .

באַווייזע

גייט אריין אַ שיינע פריילין אין קאָורט און פאַרלאַנגט אַ סאַמענס צו ארעסטירען אַ יונגענמאַן.

— וואָס איז די קלאָגע ? — פרעגט איר דער קלוירק.

— ער האָט מיר דערקלערט ליבע און יעצט האָט ער מיר פאַרלאָזן.

— האָט איר בעווייזע ?

—— יעס, ענטפערט נאַאיוו די פריילין — אָט איז זיינע „פינגער פרינטס" ביי מיר אויף דער טאַליע.

ער וויל זיינם

פונקט דאַן, ווען מיסעס פלאַמפפינטער איז געזעסן און גע־ווינגט איר קינד, איז אריינגעקומען דער גאַסן־זינגער אין הויף אריין, און געלאָזט הערן זיין שטימע.

מיסעס פלאַמפפינטער איז אַ פאַרציטערטע אויפגעשפרונגען :

— מיסטער, מיין קינד שלאָפט ! גייט אַוועק פון דאַנען, איך וואַרף אייך אַטאַפּ אין קאָפּ.

— וואַרפט מיר בעסער אַ פעני, — האָט איר דער זינגער ארויפגעשריען.

אַ לענדלאָרד און אַ הערינג

בערל : — מיט וואָס איז געגליכן אַ שלעכטער לענדלאָרד צו אַ גוטן הערינג ?

שמערל : —ביידע האָבן פעטע בייכער און קליינע קעפּלאך . .